# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

**נומער 22 • מאנטאג, כ"ה טבת תשפ"ז • 4טן יאנואר 2027 • די וואך פון פרשת וארא**

אֵת אֶרֶץ מְגֻרֵיהֶם אֲשֶׁר גָּרוּ בָהּ

שמות ו, ד

**אין דעם נומער**


**בוקאווינער פויערן**

שבת אחים • הויפט־ארטיקל

**גירוש אמעריקע — תרכ"ב**

קאך_לעפל • היסטאריע

**די אמאליגע קאווע שטיבלעך**

ברסלבער • קולטור

**שטאמען מיר נאר פון אידן?**

חאצקל און די ליינער • שמועס

**א שידוך אין ליטע**

שלמה מיימון • איבערלעבונג

**א ציגעלע אינדערהיים**

זאלצוואסער • הומאר

# ארכיוו

נומער 22 • מאנטאג, כ"ה טבת תשפ"ז
4טן יאנואר 2027 • די וואך פון פרשת וארא


**הקדמה**

# די אלטע היים: שטעטלעך, וואנדערונגען און אייראפע פון אמאל

„די אלטע היים“ – אזוי האבן אונזערע זיידעס און באבעס גערופן די שטעטלעך און דערפלעך אין אונגארן, רומעניע, פוילן און ליטע, פון וואו זיי זענען געקומען. דער נומער איז געווידמעט יענער וועלט: ווי מען האט דארט געלעבט, ווי מען האט זיך געשידכט, ווי מען האט געהונגערט און געלאכט – און ווי די אלטע היים לעבט ווייטער אין אונזערע ווערטער, מנהגים און שפריכווערטער.

אינעם הויפט־ארטיקל מאלט „שבת אחים“, וואס שטאמט פון בוקאווינע, א בילד פון וויזניצער חסידים אינדערהיים: די ארימקייט, די לבושים, די אהבת ישראל – און א לייענער שטעלט זיך אנטקעגן. אינעם שמועס פון דער וואך פרעגט „חאצקל“ צי מיר שטאמען טאקע נאר פון אידן, און די לייענער ברענגען ספרים, ייחוס־בריוו און גענעטיק.

אין דער וויסנשאפט־קאלום פרעגט „יידל“ פארוואס אידן זענען אזוי קלוג, און די לייענער זוכן די תשובה אין די לענדער פון אמאל. „קאך_לעפל“ דערציילט ווי אזוי גענעראל גראנט האט אין דעצעמבער 1862 פארטריבן די אידן פון דריי שטאטן, און ווי די גזירה איז בטל געווארן אנפאנג יאנואר – פונקט מיט 164 יאר צוריק. דער פילאסאף שלמה מיימון דערציילט, אין „ליטוואק פון בודאפעסט“'ס איבערזעצונג, ווי מען האט אים אלס עלף־יעריג אינגל פארשידכט – צוויי מאל. „ברסלבער“ פירט אונז דורך די היסטאריע פון די קאווע־הייזער, און „זאלצוואסער“ פארגלייכט די באבע'ס ציגעלע אינדערהיים מיט אונזער פחד פאר שניי.

אין די פערל: א זיידע וועגן „חדש אסור“, חסידים וואס האבן צעבראכן דאס אייז צו גיין אין מקוה, און אלטע שפריכווערטער פון כעלעם ביז דער באן. אין „היינט מיט . . . יאר צוריק“: א מיטאס וועגן קעלט פון 2014, און א שיך־בענדל פון 2013.

אלע שטיקלעך זענען אויסגעקליבן און מגיה געווען; וואו מען האט פארקירצט, איז עס אנגעצייכנט. די פולע מקורות געפינט איר אויפן לעצטן בלאט.

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| הויפט־ארטיקל | בוקאווינער פויערן: וויזניץ אינדערהיים • שבת אחים און שמערל | 3 |
| א שמועס פון דער וואך | שטאמען מיר נאר פון אידן? • חאצקל, יאיר, איחוד פעלד און אנדערע | 6 |
| וויסנשאפט • גענעטיק | פארוואס זענען אידן אזוי קלוג? • יידל, איחוד פעלד, בן תמליון | 10 |
| היסטאריע • אמעריקע | גירוש אמעריקע – תרכ"ב • קאך_לעפל און מפיל קינד | 12 |
| איבערלעבונגען | א שידוך אין ליטע • שלמה מיימון • איבערגעזעצט פון ליטוואק פון בודאפעסט | 15 |
| קולטור • קאווע | פון די אמאליגע קאווע שטיבלעך ביז די היינטיגע • ברסלבער | 18 |
| הומאר | א ציגעלע אינדערהיים אדער שניי אויפן גאס • זאלצוואסער | 20 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 22 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 24 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • איחוד פעלד | 26 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 27 |

**הויפט־ארטיקל**

# בוקאווינער פויערן: וויזניץ אינדערהיים

ווי אזוי האט דאס אידישע לעבן אין בוקאווינע אויסגעזען פאר דער מלחמה? א שרייבער וואס שטאמט פון דארט מאלט די ארימקייט, די לבושים און די אהבת ישראל פון די „בוקאווינער פויערן“ – און א ליינער שטעלט זיך אנטקעגן. עטליכע שטיקלעך זענען פארקירצט.

פון **שבת אחים און שמערל**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „בוקאווינער-וויזניצער פויערן אין רומעניע“ • 29סטן–30סטן יולי 2018
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12475.html

**שבת אחים** • 29סטן יולי 2018

איך האב שוין דאס אין מיין דרעפט א שטיקל צייט. איך האב עס געוואלט אביסל איבערארבעטן אבער היות איך האב פארלוירן די געדולד וועל איך עס אזוי ארויסלייגן אזויווי ער שטייט און גייט...בעסער ווי ס'זאל זיצן אין מיין דרעפט באקס און קאלעיקטן שטויב...

סעריע: „בוקאווינער פויערן“:

לעצטענס האט מען אסאך ארומגערעדט דא אין שטיבל וועגן וויזניץ און טייל שרייבער האבן אפגעשטעמפעלט די וויזניצער אלץ „בוקאווינער פויערן“... היות איך שטאם (אויף איין פוס) פון אט די בוקאווינער אידן און איך בין אויפגעוואקסן אין וויזניץ און אביסל שטודירט זייער היסטאריע האב איך אביסל אן אנדערע בילד פון בוקאווינע וואס כ'האב שוין אסאך מאל מיטגעטיילט מיט ענק. איך קען באשטיין צוביסלעך אראפצולייגן בערך וויאזוי וויזניץ אינדערהיים האט טאקע אויסגעקוקט. אבער כדאי דאס צופארשטיין דארף מען קודם וויסן אלע פאקטן פון יענע צייטן און אוטמאטיש וועט זיך אייער בילד אביסל טוישן.

1) יענע צייטן, ספעציעל אין יענע ראיאן איז געווען אינגאנצן אנדערש דער מצב ווי היינט. דער פינאנציעלער מצב וואס איז געווען דארט איום ונורא-אונז קענען זיך אפילו נישט פארשטעלן אין וויסטן חלום וואס פארא דלות ואביונות און ארימקייט ס'האט געהערשט דאן אין יענע צייטן.
סאיז נישט געווען די מעגליכקייטן ווי היינטיגע צייטן ווי היימישע אידן וואס וואוינען אין אמעריקע, קאנאדא, ענגלאנד ווי סאיז דא פראספערעטי, רומעניע איז געווען א דריטע וועלט לאנד אן קיין ברעקל טעכנאלאגיע און קאמיוניקאציע צו דער אינדוסטריאליזירטע וועלט אלזא איז די מעגליכקייטן פון מאכן שיין פרנסה איז כמעט נישט געווען מעגליך.

היינטיגע צייטן איז דא אין יעדע קהילה און אין יעדע ביהמ"ד אפאר רייכע פארמעגליכע אידן וואס העלפן ארויס די אנדערע. דעמאלטס איז נישט געווען קיין וויזניצער חסידים וואס האבן פארמאגט הונדערטער מיליאנען און געפליפט ריעל עסטעיט אין ניו יארק. זיי זענען געווען פשוטע ארימע שלעפערס און בלוטיגע ארימלייט. סאיז ממש כמעט נישט געווען קיין רייכע אידן אין יענע געגענט.

2)עס איז נישט געווען קיין טראנספארטאציע- די מעגליכקייטן און די טעכנאלאגיע פון היינטיגע צייטן, נישט קיין קארס, טעלעפאנען, קאמפיוטערס, מאיז כמעט נישט געפארן אין ערגעץ. צופארן אויף די באנען איז געווען זייער טייער. כמעט קיינער האט זיך דאס נישט געקענט ערלויבן בכלל.

ביי די שמועסן פון ר' מאטלע זצ"ל פרעגט אים זיין אייניקל: איז זיידי מיטגעפארן מיטן סב"ק אויף יענע און יענע שבת? זאגט ר' מאטעלע: ניין! פרעגט ער אים פארוואס נישט? און ר' מאטעלע זאגט האב איך דען נישט געוואלט פארן? ווער האט געהאט געלט??? אסאך מאל זאגט אים ר' מאטעלע דו פרעגסט א קשיא ווי דו וואלסט געווען פון אן אנדערע וועלט/פלאנעט... (ווי איינער זאגט: „דו האסט נישט קיין מושג וואס פאר א וועלט סאיז געווען דאן“, און ווי אנדערש פון היינטיגע צייטן)

3)סאיז נישט געווען קיין אויטאמאטישע „חינוך-סיסטעם“ ווי היינטיגע צייטן, וואס ממש יעדער-איינער גייט אין חדר און לערנט לכה"פ עברי און א"ב, חומש, משניות, גמרא. גאר ווייניג אידן האבן זיך געקענט ערלויבן צו באצאלן פאר גיטע מלמדים אדער שיקן אין ישיבות. סאיז בכלל נישט געווען קיין סאך ישיבות. רוב אידן האבן געוואוינט אין קליינע ארימע-דערפלעך און זענען אליינס נתחנך געווארן, נאך אפאר דורות פון אזעלכע חינוך איז ארויסגעקומען פוסטע פויערן...

(מ'דארף פארשטיין אז אין פולין ווי אידן האבן געלעבט בעיקר אין גרויסע שטעט איז דער מצב געווען אנדערש ווי אין רומעניע, ווידער אונגארן איז געווען א רייכערע פעטע לאנד מיט אסאך מער מעגליכקייטן ווי אין רומעניע/אוקריינא. אין אונגארן זענען אסאך היימישע אידן געווען געניטע ביזנעסלייט און געמאכט שיין פרנסה. און טאקע דערפאר איז אין רומעניע און אוקריינא זענען די אידן געווען די מערסטע ארים און די מערסטע אומגעלערנט)

4)כדאי צו פארשטיין וויאזוי וויזניץ און דער אהבת ישראל האט זיך אפגעגעבן מיט די פויערן. דארף מען קודם פארשטיין די ארגעניעלע „יסודות פון חסידות", ווארים עס איז דאך גאנץ לעצטענס „נשתכח-געווארן" דעם דרך הבעש"ט וועט מען מוזן אנפאנגען פון אל"ף, אויף וואס באשטייט חסידות? וואס מיינט זיין א חסיד?

היינטיגע צייטן מיינט ליידער „חסידיזים" גאר עפעס אנדערש פון דעם ארגעניעלן דרך החסידות. היינט מיינט א חסיד א „פארפרומטער" וואס גייט אייביג אנגעטון שווארץ אויף ווייס, טראגט דעם חסידישן לבוש, שטריימל, ווייסע/שווארצע זאקן. און דינט עפעס א רבי וואס האט גערירשנט די פירמע/חסידות בירושה און אלעס וואס יענער זאגט איז קודש קדשים....

אבער די ארגעניעלע חסידים זענען נישט געווען די „פארפרומטע" בכלל. חסידים איז געווען א סטעפ-אראפ. אז אפילו יעדע פשוטע איד, אפילו ער קען קוים עברי און א"ב ווילאנג זיין הארץ איז פארן אייבערשטן קען אויך אנגעקומען גאר ווייט, און יעדע קליינקייט וואס מ'טוט פארן אייבערשטן איז גאר חשוב אין הימל.

די בעש"ט הק' איז געווען א יתום פון די פינף יאר אלט און זייו טאטע פארן שטארבן האט אים אנגעזאגט „אז ער זאל ליב האבן יעדע איד" אין יעדע מצב. און אין דעם האט זיך דער בעש"ט געקאכט זיין גאנץ לעבן. זיין „אהבת ישראל" איז געווען אומבאשרייבליך. די באוואוסטע מוראדיגע ווארט פונעם בעש"ט וועט פונקטליך ארויסברענגען זיין אינערליכע כאראקטאר און נאטור. שטייט אין מס' אבות „הרחק משכן רעה" לכאורה איז דאך זייער פשוט אז מ'דארף זיך דערווייטערן פון א שלעכטע שכן, וואס איז דען די חידוש? זאגט דער בעש"ט פשט איז, הרחק משכן? רעה! אז א מענטש דערווייטערט זיך פון זיין שכן דאס איז א שלעכטע זאך...

ווען דער אהבת ישראל האט באגעגנט אזעלכע אידן וואס האבן נישט באקומען קיין געריגע חינוך וועגן דעם דעמאלטסדיגן מצב האט ער רחמנות געהאט אויף זיי און מקיים געווען וואס חז"ל זאגן „הוי דן כל אדם לכף זכות" און וואס שטייט אין דער תורה „ואהבת לרעך כמוך"... און אזוויוי די עכטע אמאליגע חסידים וואס האבן ליב געהאט א יעדע איד ווי איין גרויסע משפחה.

אין ווינזיץ האט זיך „יעדער איד" געטראפן זיין פלאץ נישט קיין חילוק זייער סטאטוס אין רעליגע און זייער לעוועל אין עדיוקאציע- סהאט בכלל נישט אויסגעקוקט ווי היינטיגע וויזניץ ווי יעדער גייט אנגעטון מיט דער זעלבער יוניפארם, מיט דעם סאמעטענעם הוט אויף דער רעכטער זייט, נאר סאיז געווען אלע מיני גרינצייגן. (קוקטס אויף אלע בילדער פון די וויזניצער רבי'ס אינדערהיים און באטראכטס דעם לבוש פון די ארומיגע- יעדער מיט אן אנדערע הוט און אנדערע לבוש, ווידער קוקטס די בילדער פון די וויזניצער רבי'ס נאכן קריג ביזן היינטיגן טאג-אלע ארומיגע גייען מיט דעם זעלבן לבוש)

מקען אפילו נישט משיג זיין וואס וויזניץ און דער סב"ק האט געמיינט פאר זיי, ער איז געווען פאר זיי א ספיריטשול-לידער א וועגווייזער, א טאטע, א ציידע, און א רבי אינאיינעם. ער איז געווען פאר זיי ממש ווי א גאט... מ'פלעגט זאגן אז די „באקווינער פויערן" פלעגן מורא האבן צו זינדיגן ווייל גאט וועט אויסזאגן פאר דעם רעבאו...

[פארקירצט]

עס איז טאקע געווען אסאך פויערן אין וויזניץ אינדערהיים טאקע ווייל דער סב"ק מיט זיין גרויסע „אהבת ישראל" האט זיי אריינגענומען און מקרב געווען. אבער אז מ'רעדט פון בוקאווינע און ווינזיץ לאמיר אויך דערמאנען ווער נאך קומט און שטאמט פון דארט?

[פארקירצט]

**שמערל** • 30סטן יולי 2018

נאכנישט געענדיקט ליינען, אבער כ'מיין אז בוקאווינע איז דוקא יא א פעטע ערד, מאלדאווע איז זייער א פעטע לאנד מיט גאר אסאך פרוכט און תבואה. קען זיין אז עס איז געווען זייער צוריקגעשטאנען און קיין גרויסע געשעפטן און עשירים זענען דארט נישט געווען, אבער דאכט זיך אז געהונגערט דארט האט מען נישט.

**שבת אחים** • 30סטן יולי 2018

קודם איך האב בכלל נישט גערעדט פון א פעטע ערד-תבואה. וואס כהאב געמיינט צוזאגן איז די „מעגליכקייטן“ פון מאכן שיין פרנסה און רייכטום אין יענע צייטן אין רומעניע איז געווען נול...

צווייטענס אוי האבן מענטשן דארט געהונגערט... א פאר שיך איז געווען א גאנצע מציאה... ווער רעדט נאך פון האבן אלע ציינער אין מויל... וואס רעדסטו???
א גאנצע וואך האבן זיי געמאכט א שהכל אויף דעם ברויט ווייל זיי האבן עס געמאכט פון קארש-קארן מעיל/מעליי און נאר שבת האבן זיי זיך ערלויבט צו מאכן א המוציא... דאס איז שוין געווען ווען איינער האט געהאט א ביסל פרנסה, סאיז געווען דארט אסאך אידן וואס האבן דאס אויך נישט געהאט. און סאיז געווען אסאך ציגיינער אויך...

די ארימקייט אין יענע ראיאן אין יענע צייט איז אומבאשרייבליך... און אנטעקן אונגארן? זיכער!

מאלדאוויע איז אויך געווען זייער ארים פונקט ווי אין רומעניע און אין אוקריינא.

**שמערל** • 30סטן יולי 2018

סתם פאר פייער און וואסער, אין רוב פלעצער אויף דער וועלט האט מען געהונגערט אין דעם אנהייב צוואנציגסטן יאר הונדערט, ווייל די קאפיטעליסטן האבן אלעס צוגענומען, עיין ערך הדאסט באויעל באמעריקע, אין אקלאהאמע פון וואס טויזנטער מענטשן זענען אויסגעגאנגען פאר הונגער בעירום ובחוסר כל, און ווי כ'האב געליינט איז דער זעלבער מצב געווען אין פוילן און אין אוקראינע, וואס דאס האט עווענטועל צוגעפירט צו קאמעניזם און סאציאליזם איבער דער גאנצער וועלט, און לכאורה איז דאס אויך פארגעקומען אין מאלדאווע.

**שבת אחים** • 30סטן יולי 2018

איה"נ אבער אין רוב פלעצער ווי מהאט געוואוינט אין גרויסע שטעט איז דאך געווען טוינזט מאל בעסער דער מצב ווי אין קליינע דערפלעך. באקעווינע באשטייט פון קליינע דערפלעך- די הויפט שטאט איז געווען „טשערנאוויץ“ - בערך אזוי היינטיגע סוואן לעיק אדער העכסטענס אזוי ליבערטי-ניו יארק און דאס איז שוין געווען די „הויפט שטאט“... נישט קיין פארגלייך צו די אידן וואס האב געוואוינט אין ווארשע, קראקא, לאדזש, וויען, בודאפעסט, מישקאלץ. אפילו לאמיר זאגן סהאט געהערשט ארימקייט (אזוי היינט אין אמעריקע) און סאיז געווען דארט ארימעלייט האבן אבער די קינדער באקומען אביסל עדיוקאציע און זענען נישט אויפגעוואקסן ווי אין רומעינע און אוקריינא.

[פארקירצט]

**א שמועס פון דער וואך**

# שטאמען מיר נאר פון אידן?

צי האבן זיך אידן אין די אלטע לענדער אויסגעמישט מיט די ארומיגע פעלקער? די ליינער ברענגען ספרים, גענעטיק און ייחוס־בריוו – און פרעגן פארוואס מען ווייסט אזוי ווייניג פון די אייגענע עלטער־זיידעס.

פון **חאצקל, יאיר, איחוד פעלד און אנדערע**

קאווע שטיבל • געזעלשאפט • „שטאמען מיר נאר פון אידן?" • 3טן–6טן נאוועמבער 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2278.html

**חאצקל** • 3טן נאוועמבער 2012

כמעט א יעדער פון אונז פארשטייט בפשטות אז ער שטאמט בלויז פון אידן, און ער האט שוין פון הונדעטער דורות זינט יעקב אבינו ריין אידיש בליט (אויסער די געציילטע וואס ווייסן אז זיי שטאמען פון א גר). עס איז א דבר פשוט ביי יעדן, אז זינט די בני ישראל האבן זיך דערזוען אלס א באזונדערע פאלק פאר זיך, וואס דאס איז ווארשיינליך געווען ווען יעקב אבינו איז אראפ געגאנגען קיין מצרים מיט די זיבעציג נפשות, האבן זיך די אידן נאר משדך געווען צווישן זיך.

יעדער וויזט פון אזא מעגליכקייט אז א גוי קען זיך מגייר זיין און ווערן א טייל פונעם פאלק ישראל, מ'ווייסט אויך פון עטליכע אזעלעכע פעלער אין דער היסטאריע, ווי למשל יתרו, רות, נביזרדן, בני בניו של המן וכו' וועמענס אייניקלעך עס האבן זיך ערנסט אריין געמישט אין כלל ישראל אזש גרויסע לייט שטאמען פון זיי. דאס זענען אבער אלע איינצעלנע פעלער וואס זייערע געגען (דזשינס) ווערן בטל אחד מיני אלף וריבי רבבות, און כמעט אלע אונזערע זיידעס און באבעס זינט יעקב זענען געווען אידן פון אפשטאם.

מיין פראגע דא איז, צי איז טאקע געווען אזא זעלטענער ערשיינונג אין די ערשטע צייטן פונעם אידישן עקזיסטענץ אז א איד זאל זיך משדך זיין מיט א גוי?
דאס איז זיכער אז בפשטות האבן זיך די אידן אין מצרים בדרך כלל געהאלטן מער ווייניגער צווישן זיך, מכמה טעמים. אבער מיר ווייסן אז עס זענען מיטגעקומען די ערב רב וועלכע האבן זיך ווארשיינליך כאטש עפעס אריין געמישט אין דער אידישער באפעלקערונג. ווידער די וואס האבן פארמאגט אן אשת יפת תואר באיסור צו בהיתר האבן אויך צוגעגעבן פרעמדע בליט אין דער אידישער באפעלקערונג. און ווער רעדט נאך ווען אידן האבן געזינדיגט און געהייראט מיט גוי'אישע ווייבער בזמן בית הראשון און ספעציעל בימי עזרא ווי עס שטייט קלאר געשריבן אין די פסוקים, זענען דען די אלע קינדער געווארן אויסגעשלאסן פון כלל ישראל?! און דא האט זיך אנגעהויבן א פרישע כוואליע פון געצווינגענע גרים פון ארץ אדום וואס יוחנן הורקנס האט איינגעמענדיג אדום געצווינגען די גאנצע אדומישע באפאלקערונג זיך מגייר צו זיין אזוי ווי עס איז געווען איינגעפירט ביי די אמאליגע כובשים צו צווינגען די אינטערטאנען אנצונעמען די רעליגיע פונעם כובש, וואס להלכה זענען זיי נישט קיין גרים, אבער האבן זיך ווארשיינליך היפש אריינגעמישט אינעם כלל ישראל אזוי ווי הורדוס דער גר אדומי, וואס כאטש ביי די פרושים איז ער נישט געווען אנגענומען אלס איד אזוי ווי זיין אייניקל אגריפס האט זיך צו וויינט ביים ליינען "מקרב אחיך תשים עליך מלך", אבער פארט האבן זיי זיך דא און דארט אריין געמישט צווישן די פרושים (פון וועם מיר שטאמען לכאורה).

ווייטער אין די שפעדערדיגע גלות יארן ווען ס'האט געהערשט א כאאס, אידן זענען אנגעקומען אין פארשטיפטע שטעט וואו מ'האט געלעבט אן קיין מנהיג און די עם הארצית איז געווען אויפן העכסטן שטאפל, זענען דאך אודאי פארגעקומען אזעלעכע פעלער ווי אין די צייטן פון עזרא הסופר וואס אידן האבן געהייראט מיט גויאישע פרויען (אין בעסטן פאל מיט א גיירות שלא כהלכה), אן א וויסן די הלכה מיט זייערע קינדער, און די קינדער זענען פארבליבן אין דעם אידישן פאלק. פאראן היסטאריקער וואס זענען משער אז אין געוויסע שטעטלעך ווי אידן זענען געווען די מערהייט האבן די גוים מאיזה טעם געשפירט א דראנג צו ווערן א טייל פון די אידן (אזוי ווי די כיתים) און די עמי הארץ האבן זיי טיילווייז אנגענומען. עס איז אויך באקאנט דאס אז די כוזרים האבן זיך מגייר געווען, פון וועלעכע טייל האבן זיך שפעטער פארשפרייט צווישן אידישע קהילות אין אנדערע מדינות.

ערגעץ האב איך געליינט אז לויט געוויסע די ען עי טעסטן וכדו' איז דא שטארקע באוויזן אז צווישן אשכנזישע אידן

האבן זיך אויסגעמישט אוגרישע און וואלגארישע שבטים. ווידער אויך דאס וואס אידן זעען אויס ווי די גוים פון דעם לאנד ווי זיי וואוינען (בלאנד אין די אשכנזישע מדינות און טינקל אין די ספרדישע מדינות) זאגט עפעס.

איך רעד נישט דא פונעם הלכה'דיגן שטאנדפונקט, ווייל לויט די הלכות פון עשרה יוחסין זענען מיר רובא ככולא כשר'ע אידן. וואס איך וויל דא ארויס ברענגען איז, צי עס רינט נישט אין אונז היפש גוי'איש בלוט. וואס האט איר צו זאגן איבער דעם ענין?

**לעיקוואד** • 3טן נאוועמבער 2012

אמת ואמונה [קאצק] אות ק"ה

"

איך האב נישט קיין צייט מיך צו יחוסען, דער קאזניצער מגיד האט געזאגט ווען איך מעכט געוויסט אז איך קום ארויס פון אברהם יצחק יעקב, מעכט איך מיר געמאכט "טשאפקי נא באקי" אונד געטאנצט א קאזאקעל אין מיטען מארק, נאר איך ווייס אז איך קום ארויס פון אברהם יצחק יעקב".

וואס איז געווען דער קאזניצער מגיד'ס ספק?

**חאצקל** • 3טן נאוועמבער 2012

וואס איז געווען דער קאזניצער מגיד'ס ספק?

בענין זה האב איך געזען פון צאנזער רב, אז איינמאל ווען ער האט גאר שטארק מכבד געווען אן אייניקל פונעם ר"ר אלימלך האט א געוויסער רב וואס איז דארט געווען זיך אנגערופן צום צאנזער רב:
"רבי, מיט וואס איז ער מער מיוחס ווי מיר, דאס אז ער איז ר"ר אלימלך'ס אייניקל? נו, איך בין דאך אן אייניקל פון אברהם אבינו?!

זאגט אים דער צאנזער רב:
"דאס אז ער איז אן אייניקל פונעם "ר"ר אלימלך ווייס איך קלאר ווייל איך ווייס זיין יחוס ביז אהין, אבער ביי דיר ווייס איך נישט זיכער צי דו ביסט אן אייניקל פון אברהם אבינו!" עכ"ל.

**איחוד פעלד** • 3טן נאוועמבער 2012

אין ספר חמדה גנוזה ווערט אנגעגעבן אז דער צאנזער רב האט געהאלטן אז די אידן פין פוילן זענען אייניקלעך פין די אידן פין גירוש שפאניע

**חאצקל** • 3טן נאוועמבער 2012

עס איז טאקע אונטערסאנט אנצומערקן וואס איך האב געהערט, אז צווישן די פוילישע אידן זענען פאראן א סך ווייניגער בלאנדע און ליכטיג הויטיגע ווי צווישן די אונגערישע און דייטשע אידן. ווארשיינליך טאקע ווייל א גרויסער פראצענט פון די פוילישע אידן שטאמען פון שפאניע (מ'קען נישט זאגן אלע, ווייל א גרויסער טייל שטאמען פון פראג און אויך פון פיל דייטשע שטעט), אדער... (דא קומען מיר צוריק צו אונזער ארגינעלער שמועס) ווייל די פוילישע האבן זיך נישט אויסגעמישט מיט אנדערע פעלקער זענען זיי געבליבן מער מיטן ארגינעלן אידישן קאליר, מה שאין כן...

**sunbar** • 3טן נאוועמבער 2012

איך האב געטראכט: ביי ספרדישע יודן זעט מען מער פרייע ווי ביי אשכנזישע. קען זיין אז וויבאלד ביי די ספרדישע האט מען מער אכטונג געגעבן נישט חתונה האבן מיט גוים, ממילא זענען זיי 'היימיש' ביי די ספרדישע געמיינדעס, משא'כ ביי די אשכנזישע זענען אסאך יודן געווארן אויסגעמישט מיט די גוים, איבערדעם זעט אויס אז עס זענען דא ווייניגער פרייער...

**יאיר** • 3טן נאוועמבער 2012

די ספרד'ישע רופן די אשכנזים "חצי אשכנזי חצי יהודי"... און נאכדעם האבן זיי טענות אז מען דיסקרימינירט קעגן זיי.

**sunbar** • 3טן נאוועמבער 2012

אפשר זענען זיי גערעכט???

**יאיר** • 3טן נאוועמבער 2012

ליינענדיג דעם אויבנדערמאנטן אונטערנאציאנעלן בעסט סעללער די ערפינדונג פון דעם אידישן פאלק האב איך געקלערט אויב דער בוך איז נישט אן ערפינדונג. א דריי פערטל בוך באשטייט פון עקסטרעמע ביבל קריטיק און קריטיק אויף דער הנהגה פון די מדינה, דערנאך זוכט ער אויב סימנים פון גרים פון אונטער דער ערד, ווי למשל אז די תימנ'ער שטאמען מעגליך פון גרים. די טענה וואס ער האט אז מיר שטאמען פון כוזרים איז שוין געווארן אפגעווארפן דורך די ען עי.

די איינציגסטע שטארקע טענה וואס ער האט איז אז בימי בית שני איז געווען אן אינפלאציע פון גרים, ווייל מען האט געזען אן אומנאטורליכער וואוקס פון אידן אין יענע יארן. אידישקייט איז דעמאלט געווען פאפולער, און עס זענען פארגעקומען גירות אין גרויסן אין אלעקסאנדריע, סיריע, גריכנלאנד, און נאך ערטער. משא"כ שפעטער האט מען געמאכט דעם גירות פראצעדור זייער שווער, און אידן זענען סיווי געווען אן אונטערדרוקט פאלק מיט וועמען מען האט נישט צופיל געזוכט צו האבן א שייכות.

**איחוד פעלד** • 4טן נאוועמבער 2012

כ'מיין אז דאס איז אבי געדעדט.

די אונגערישע אידן דאכט זיך קומען אויף פון פוילן היבש שפעט.

ווען האבן אידן אנגעהויבן ווערן גאר אסאך אונגארן?

[פארקירצט]

אין פראנקפורט איז זייער א לאנגע צייט געווען א ספרדישע קהילה פון די יוצאי שפאניע אדער פארטעגאל.

דער יעב"ץ דערמאנט אלץ א ספרדישער רב אין אלטונה ר' משה חגיז.

לכאורה האט די מעשה פון חמדה גנוזה נישט קיין האפט.

איך האב עס נאר געברענגט להשלמת הענין, נישט לאמיתית הענין.

**שמעקעדיג** • 4טן נאוועמבער 2012

איך ווייס נישט לגבי אנדערע; אבער איך שטאם פון געוויסע באקאנטע גאונים וצדיקים, און איך קען דעם יחוס ארויף ביז צו זיי. אויב זענען זיי געווען כשר'ע אידן, דאן בין איך אויך.

**געפילטע פיש** • 4טן נאוועמבער 2012

דריי פערטל פון איראפעישע אידנטום שטאמט פון די "באקאנטע גאונים וצדיקים" פון וועם דו רעדטסט.

**יידל** • 4טן נאוועמבער 2012

איך פארשטיי נישט וויאזוי א בלאנדער איד מיט בלויע אויגן אדער מיט רויטע האר און די זעלבע א איד מיט ליכטיגע הויט קען האבן א הווא אמינא אז ער שטאמט נישט פון גויים/גרים, פון וואו מיינט ער קומען זיינע גענעס (genes)?

**געפילטע פיש** • 4טן נאוועמבער 2012

ס'קען נישט האבן מיט ענוויירמענטאל פאקטארן?

**יידל** • 4טן נאוועמבער 2012

ניין, נאר אומדירעקט דורך נאטורליכע סעלעקציע.

**חאצקל** • 4טן נאוועמבער 2012

דא דארף מען אריין גיין אין א שמועס וואס עס איז דער גורם פון עטנישע אייגנשאפטן וו.צ.ב. טאקע די הויט און האר קאליר. ס'פלעגט זיין אנגענומען אז עס האט צו טון מיט דער אימגעבונג און קלימאט, וויבאלד אין די קאלטע לענדער אין יוראפ זענען די איינוואוינער עפ"י רוב העל און בלאנד און וואס מער צו דרום אלס טינקעלער ווי א ספעקטרום ביז די שווארצע אפריקאנער וועלכע וואוינען אין די הייסטע מדינות. די טעאריע איז אריין אין א ספק ווען מ'איז אנגעקומען קיין אמעריקא און אנדערע ווייטע מדינות און געזען אז דארט זענען נישטא די כללים. אויך האט מען געטראפן סקעלעטן פון מענטשן וועלכע האבן געלעבט אין צענטראל אפריקא מיט ... יאר צוריק און לויט אלע סמנים זענען זיי געווען מיט א העלע הויט אזוי ווי אייראפייער. מיט וואס עס האט צוטון די עטניעשע אייגנשאפטן איז לכאורה נישט קלאר עד היום, עס זענען פאראן פארשידענע טעאריעס געבויט אויף טעסטן וכו' אבער דאכט זיך נישט קיין באשטעטיגטע. פארשטייט זיך אז לאנדשאפט מאכט אויך אויס אבער דאס איז נישט אלעס. מ'דארף נישט מער ווי דעם אז ווייסע וועלכע האבן זיך באזעצט מיט הונדעטער יארן צוריק אין אפריקא און אסטראליע זענען נישט געווארן שווארץ, און דאס זעלבע פארקערט, שווארצע וועלכע וואוינען שוין הונדעטער יארן אין אייראפע זענען נישט געווארן ווייס (איינצעלע פעלער האט זיך געטראפן אבער עס איז נישט קיין ראיה).

איי, פארוואס זענען די אידן בכל מקומות מושבותיהן גערעטן אין דעם הויט קאליר פון די ארטיגע פעלקער? דא קומען מיר צוריק צו אונזער שמועס.

**יידל** • 4טן נאוועמבער 2012

היינט צו טאגס איז קלאר אז די אלע עטנישע אייגנשאפטן זענען נישט מער ווי עקספרעשאנס פון דעם מענטש'נס ד.נ.א..

פאר מיר איז ברור אז די סיבה פארוואס אידן קוקן אויס ווי זייערע שכנים בכל מקומות מושבותיהם איז ווייל זיי שעירן ד.נ.א. מיט זייערע שכנים. דער איינציגסטער וועג וויאזוי צו שעירן ד.נ.א. איז דורך חיתון.

**איחוד פעלד** • 4טן נאוועמבער 2012

אבער מען האט זיך דאך נישט משדך געווען מיט די גוים דורך אויס די גאנצע צייט. איין פראצענט משומדים און איין פראצענט גרים, וואלט געמיינט אז איין צוויי פראצענט היינט זאל האבן ענדליכע אויסקוקן ווי די שכנים, נישט מער.

**berlbalaguleh** • 4טן נאוועמבער 2012

ס'איז דא ראיות מחזק זיין די סברא. די עפשטיין משפחה (בעל ערוך השולחן) זענען אריגינאל אפשטאמיגע פון די גולי ספרד און האבן אריגינאל געהייסן בנבנישתי.

**איחוד פעלד** • 5טן נאוועמבער 2012

האט ער דאך אבער געוואינט אין די ליטא....

**חאצקל** • 5טן נאוועמבער 2012

ווען די ספרדישע אידן זענען אנגעקומען קיין מזרח אייראפע איז פוילין געווען א שטיקל אימפעריע פון וועלכע ליטא איז אויך געווען א טייל. ממילא ווען מ'האט אמאל געזאגט פוילין האט עס געמיינט אויך ליטא (זע די מעשה מיט ר' שאול וואהל וועלכע האט געוואוינט אין בריסק אין דארט געווארן פון די מקורבים למלכות פוילן און לויט דער לעגענדע אויך געווארן פוילישער קעניג פאר איין נאכט).

**איחוד פעלד** • 5טן נאוועמבער 2012

בדרך אגב, אז מען רעדט פון ייחוס. פארוואס ווייסט מען אזוי ווייניג פון ייחוס צו זאגן. אוודאי ווייסט יעדער אז זיי שטאמען פון דוד המלך און ר' יוחנן הסנדלר, אבער אמתער ייחוס ווייסט מען באמת גאר ווייניג. ווען היינט געדענקט יעדער לכה"פ דעם זיידע וואס איז געקומען פון איירופא, מיט זיין זיידע אדער עלטער זיידע, אבער קיין סאך מער געדענקט מען נישט, נאר אז עס איז מקובל אז מען איז אן אייניקעל פון דער אדער יענער בעל מחבר.

איז פשט אז פאר דער מלחמה האט מען נישט קיין סאך געקימערט זיך וועגן דעם און מען האט נישט געהאלטן קיין ייחוס בריוו?

למשל קיינער היינט ווייסט נישט צי ער איז פון די גולי שפאניע, ווען דאס איז זיכער אז זיי האבן זיך אויס געמישט צווישן דער געוועגליכער באפעלקערונג, קיינער ווייסט נישט בן אחר בן מער ווי אפאר דורות, אפילו די רביס ווייסן אויך נישט קיין סאך מער.
די אלע ייחוס בריוולעך וואס מען דריקט היינט זענען פיל מיט קבלות און מען היפט איבער גאנצע דורות אויף א מאל.
אויב אונז אלע שטאמען מיר פון פיר פרויען ווי געברענגט פריער, און די פיר פרויען זענען אויך געווען משפחה, קומט אויס אז מיר שטאמען אלע פון א קליינע פרעקשען פון א שבט פון אידישקייט. ווען דער בני יששכר האט געזאגט אז ער ווייסט אז ער שטאמט פון שבט יששכר, איז לא ימלט אז לכל הפחות נאך גאר אסאך משפחות זאלן אויך שטאמען פון דארט, איז פארוואס איז ער געווען דער איינציגסטער וואס האט געוויסט. חוץ טאמער האט ער געוויסט דורך רוח הקודש.
למשל אסאך פון די יוצאי שפאניע זענען אוודאי געווען מיוחסים אייניקלעך פון רמב"ן רשב"א טור וכו', פארוואס האט מען אזעלכע זאכן נישט איבער געגעבן מדור לדור, איז עס טאקע נישט געווען אינטרעסאנט אמאל?
מינדערוויכטיג?

**חאצקל** • 6טן נאוועמבער 2012

ווילאנג מ'דארף נישט טוישן דעם אייגענעם אידענטיטעט (ווי למשל אנוסים, אדער אומלעגאלע בירגער\פאראייראטע וועלעכע דארפן טוישן די נעמען וכדו') צו וואס דארף מען אראפ שרייבן דעם יחוס?!

וויסנשאפט • גענעטיק

# פארוואס זענען אידן אזוי קלוג?

פון וואו קומען די אשכנזישע אידן׳ס הויכע רעזולטאטן? „יידל“ ברענגט די טעאריעס, און די ליינער לייגן צו – פון שידוכים מיט למדנים ביז דער מגיפה אין מיטל־אלטער. די טאבעלעס זענען פארקירצט.

פון **יידל, איחוד פעלד, בן תמליון**

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „פארוואס זענען אידן אזוי קלוג?“ • 11טן–13טן פעברואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2916.html

**יידל** • 11טן פעברואר 2013

עס איז א דבר ידוע אז אשכנז'ישע אידן זענען אבנארמאל קלוג. ניין, נישט יעדער, אבער עס איז א קלאר אז אשכנז'ישע אידן האבן אן עווערעדזש פון העכער איי-קיוס ווי אין אלגעמיין. פון וואס קומט עס?

כ'בין זיכער אז יעדער איז באקאנט מיט דעם תירוץ וואס מ'הערט פון קינדווייז אן אז די סיבה איז וויבאלד תורה מאכט קלוג. אבער דער תירוץ איז זייער א שוואכער תירוץ. ערשטנס, פארוואס זענען די ספרדים נישט אזוי קלוג ווי די אשכנזים? האבן זיי דען געלערנט ווייניגער תורה במשך די דורות? צווייטנס, די מציאות אז אז די אשכנזישע חכמה באווייזט זיך אויך ביי מענטשן וואס זענען שוין דורות אפגעריסן פון א תורה'דיגן לעבנסשטייגער, און דאך האבן זיי דעם אשכנז'ישן מוח.

אין דעצעמבער 2012 האט האנק פעליסער (א טרענסהומאניסט) ארויסגעגעבן א בוך מיטן נאמען "פארוואס איז די איי-קיו פון אשכנז'ישע אידן אזוי הויך?" ווי ער גיט אן פארשידענע טעאריעס פארוואס אידן זענען אזוי קלוג. אלץ טרעסהומאניסט איז פעליסער'ס ציל מיטן בוך אויסצולערנען מענטשן טעכניקן וויאזוי צו העכערן די אייגענע איי-קיו און וויאזוי צו אויפצוען קלוגערע קינדער. אבער פאר מיך איז אינטערעסאנט די טעאריעס וואס ער גיט אן. פעליסער האט ארויפגעלייגט אויפן אינטערנעט די חלקים פון זיין בוך וועלכע באציען זיך דירעקט צו דער סיבה פארוואס אידן זענען אזוי קלוג, אבער אן די פוטנאוטס און רעפערענצן. איך האב זיך גענומען די מי איבערצושרייבן (אין פרייע איבערזעצונג) וואס ער זאגט ווייל איך גלייב אז דאס קען זיין העכסט אינטערעסאנט. אגב, אזעלכע סארט שטודיעס און פארשונגען זענען אפט קאנטראווערסיאל און ווערן באשולדיגט אין ראסיזם.

יא, אשכנזים זענען טאקע קלוגער!

צום ערשט, טוט פעליסער איבערגיין די עווידענס אז אשכנזים זענען טאקע אזוי קלוג ווי מ'מאכט זיי. אבער קודם, ווער זענען דאס אשכנזים? אשכנזים זענען אפשטאמיגע פון אידן וועלכע האבן געוואוינט במשך די מיטל-אלטער יארן אין מזרח אייראפע. אריגינעל זענען די אידן געקומען פון ארץ ישראל, כמובן. די שאלה איז ווען האט זיך אנגעהויבן די אידישע יישוב אין אייראפע? ד.נ.א. ריסוירטש דורך די אלבערט איינשטיין קאלעדוש פון מעדעצין האט געוויזן אז די אשכנזישע צווייגל האט זיך אפגעטיילט פון אנדערע אידישע גרופעס פאר בערך 2,500 יאר צוריק, און אז 40% פון אלע אשכנזישע אידן זענען אפשטאמיגע פון די זעלבע 4 פרויען. בערך 80% פון אידן היינט צו טאגס זענען אשכנזים, די איבעריגע 20% זענען בעיקר ספרדים.

אלע פארשער וועלכע האבן שטודירט אשכנזים האבן אנגעמערקט אז זיי געפונען זיך ביים שפיץ פונעם איי-קיו טשארט. דער פסיכאלאג און קאגניטיוו סייענטיסט סטיווען פינקער האט געשריבן אז "[אידן'ס] עווערעדזש איי-קיו מעסט זיך ביי 108 - 115". דער קאנטראווערסיאלער אינטעליגענץ פארשער און פסיכאלאג ריטשארד לין, זאגט אז עס איז די עווערעדזש שטייט ביי 107.5. הענרי הארפענדינג, דזשעסאן הארדי און גרעגארי קאטשרען, דריי פארשער פון דער יוטא אוניווערזיטעט וועלכע האבן צוזאמען געשריבן א פארש פאפיר מיטן קעפל "נאטורליכער היסטאריע פון אשכנזישע אינטעליגענץ", שרייבן אז אשכנזים האבן אן עווערדזש איי קיו פון 112-115. דער פאליטישער סייענטיסט טשארלס מורעי לייגט דעם עווערעדזש ביי 110.

אויב מיר וועלן אננעמען די נומער 115 פאר די אידישע איי-קיו עווערעדזש, דאן שטייען מיר מיט 8 פונקטן העכער ווי די צווייט קלוגסטע עטנישע גרופע אין דער וועלט: די צפון-מזרח אזיאנער, וועמענס עווערעדזש איי-קיו איז 107,

און מיר זענען 40% העכער ווי די גלאבאלע איי קיו עווערעדזש, וועלכע שטייט ביי 79.1 לויט דעם אויבנדערמאנטן ריטשארד לין און פאליטישער סייענטיסט טאטו וואנהאנעאין זייער בוך "איי קיו און גלאבאלער אומגלייך"

מען דארף אין באטראכט נעמען נאך אן אינטערעסאנטן פאקט. אן איי קיו טעסט האט אפאר חלקים. אידן זענען בכלל נישט אויסגעשארפט אין אלע חלקים. לדוגמא אין דעם חלק וואס רופט זיך "וויזשועל-ספעשל" איי קיו, זענען אידן נישט מער ווי 98 אין עווערעדזש. די הויעכע עווערעדזש נעמט זיך פון די גאר הויעכע איי קיו וואס אידן האבן אין דעם חלק וואס רופט זיך "ווערבל" איי קיו, וועלכע מעסט די יכולת פון סברא, פארשטיין און אויפכאפן מושגים, זכרון און מאטעמיטשע יכולת'ן. א 1958 שטודיע פון ישיבה בחורים האט געוויזן אז זיי פארמאגן אן עווערעדזש "ווערבל" איי קיו פון 125.6!

[פארקירצט]

די ערשטע פלאץ צו קוקן פאר אידישע באשטייערונגען צו ליטעראטור און סייענס איז די נאבל פרייז. כ'גלייב אז יעדער וואס לייענט די ווערטער האט שוין אמאל געהערט אז אידן באקומען אן אבנארמאלן פראצענט פון נאבל פרייזעס, אבער ס'איז אלץ כדאי איבערצוגיין די דעטאלן. זינט 1950, האבן אשכנזישע אידן באקומען 29% פון נאבל פרייזעס, כאטשיג ווי ערוועגט זענען זיי וויניגער ווי 1% פון דער פאפולאציע. אויב האט איינער געמיינט אז אשכנזישע איי קיו ווערט שוואכער, דארף מען נישט מער ווי קוקן אויף די 21סטע יאר-הונדערט. זייט 2000 האבן אשכנזישע אידן באקומען 32% פון נאבל פרייזעס. אין 2011 זענען 5 פון 13 נאבל פרייז געווינער געווען אידן - דאס איז 38.5%!

אין אונגארן אין די 1930 יארן: אשכנזים זענען געווען 6% פון דער באפעלקערונג, אבער זיי זענען געווען 55.7% פון דאקטוירים, 49.2% פון אדוואקאטן, 30.4% פון ענדזשינירן, און 59.4% פון באנק אפיצירן. ענליכע סטאטיסטיקס זענען דא פון די פוילן און דייטשלאנד אין די זעלבע יארן.

[פארקירצט]

אלזא, דאס אז אשכנזים פארמאגן מער חכמה צווישן זיך איז לכאורה א פאקט. די שאלה איז נאר וואס יאיז פשט דערפון? אי"ה מארגן וועל איך שרייבן אפאר פון די טעאריעס וואס פעליסער ברענגט.

**איחוד פעלד** • 12טן פעברואר 2013

ערגעץ האב איך געהערט אז די סיבה פארוואס אידן איז אשכנז זענען געווען קלוגער פין גוים איז ווייל ביי די קריסטן ווען איינער איז קלוג, לערנט ער מער, און ענדליך איז ער זוכה צו ווערן א גלח, און א גלח האט דאך נישט חתונה, ממילא בלייבט נישט קיין דורות פין די חכמה, ווערט די חכמה דורך אויס די דורות נתמעט, משא"כ ביי די אידן, ווערט דער חכם א רב, און א רב ווערט אן איידעם ביי א גביר, און איז זיך אויך משדך מיט א גביר, ממילא האט ער געהאט מער קינדער וואס זענען געבליבן לעבן, משא"כ דער שוטה, האט אמאל יא חתונה אמאל נישט, און אפילו אויב יא, האט ער חתונה שפעט, און אפילו דעמאלס האט ער נישט קיין געלט אויף דאקטוירים און די קינדער זענען מער עלול צו שטארבן וכו', ממילא דורך א צייט פין טויזנט יאר זענען די אשכנז אידן געבליבן פיל קלוגער פין זייערע קריסטן שכנים.

איי אויב אזוי פארוואס זענען די ספרדים נישט קלוגער? כ'ווייס נישט פונקטלעך,

אבער קען זיין זיי זענען יא קלוגער באמת, נאר אויף אנדערע וועגן, אונז וויסן מיר אז ספרדישע גדולים האבן בדרך כלל א בעסער זכרון ווי אשכנזישע.

ואת"ל, אפשר האבן זיי נישט געהאט די רדיפות, און ממילא האט נישט יעדער געלערנט, מען האט אפשר נישט געזוכט צו טון רייכע שידוכים,

ואת"ל, בכלל האבן זיי געהאט א בעסער לעבן ווי אשכנזים איז ממילא זענען די קינדער נישט געווען אויסגעשטעלט צו די מחלות ווי אשכנזים, און האבן געהאט מער צוטריט צו דאקטוירים, און ממילא איז נישט געווען די זעלבע סעלעקציע פראסעס ווי ביי אשכנזים.

**בן תמליון** • 12טן פעברואר 2013

איך האב פארשטאנען איין סיבה פארוואס אשכנז'ישע אידן זענען קלוג, ווייל זיי זענען אייביג געווען פארשפארט אין געטאס, ממילא קיין דארפסלייט מיט פויערן זענען זיי נישט געווארן צו לעבן מיט די קיען און גראז, צו לעבן האט מען געמוזט נוצן דעם קאפ, זענען אידן געווארן באנקירער מיט סוחרים געשארפט דעם קאפ. און אודאי אויך זענען אידן געווען לערנערס אייביג בעת רוב אייראפע זענען נאך געווען פויערן אינעם מיטל אלטער.

**יידל** • 13טן פעברואר 2013

לאמיר זען נאך א טעאריע וואס פעליסער ברענגט.

געזונטע היגיענע און דיעטע
פראפעסאאר סעם לעהמאן-ווילציג פון בר-אילן אוניווערזיטעט אין ישראל טענה'ט אז אשכנזים האבן במשך די יארן זיך געהאלטן ריינער ווי די גויים ארום זיי, און די פארבעסערטע היגיענע האט פארמיטן פון אידן פון ווערן אנגעשטעקט מיט פארשידענע קרענק. עס איז פארהאן א סטאטיסטיקעל קארעלאציע צווישן הויעכע איי קיו און א געזונטער דיעטע און ריינע היגיענע. לויט דער טעאריע איז עס וויבלאד געזונטערע מענטשן קענען זיך מער אפגעבן מיט שעפערישקייט און חכמות. פראפעסאר לעהמאן-ווילציג באזירט זיין טענה אויף דעם אז וויבאלד די איבערוועגנדע רוב פון אשכנזישע אידן האבן געהיטן הלכה, האבן זיי אויטאמאטיש זוכע געווען צו א בעסערע היגיענע. אידן זענען מחיוב זיך צו וואשן אינדערפרי ווען מ'שטייט אויף, זיך צו וואשן בעפאר מ'עסט ברויט און אסאך פירן זיך צו גיין אין מקוה משום טבילת עזרא. פרויען גייען אויך אין מקוה לכה"פ איין מאל א חודש, און בעפארן גיין האבן זיי זיך געדארפט גענצליך אפרייניגן אלץ חציצה.
אלץ ערגענצונג צו זיין טעאריע לייגט לעהמאן צו אז וויבאלד אידן האבן אויך נישט געגעסן חזיר, האט עס זיי פארמיטן פון באקומען טריכינאסיס, א פאטאלע קרענק וועלכע האט אוועקגעלייגט גאוטאמא בודהא און וואלפגאנג מאצארט, צווישן אנדערע.

די נקודה וועגן א געזונטע דיעטע איז שוין אויפגעברענגט געווארן דורך פריערדיגע, בעפאר דר. לעהמאן-ווילציג. דער אידישער פארמאקאלאג דוד מאכט פון דזשאן האפקינס אוניווערזיטעט האט גע'טענה'ט אז אלע פליישן וועלכע ווערן גע'אסר'ט פאר אידן אין ויקרא און אין דברים זענען פלייש מיט א העכערע מאס טאקסיק (toxic) ווי סיי וועלכע כשר'ע פלייש. אזוי אויך, אין א לעצטיגע בוך מיטן קעפל "סורוויוועל אף די סיקעסט" (א ווערטערשפיל אויף דעם נאמען פון טשארלס דארווין'ס טעאריע "סורווייוועל אף די פיטעסט") טענה'ן די מחברים אז אידן וועלכע האבן אויסגערוימט די חמץ אין פסח פון זייערע הייזער, האבן אויסגעמיטן די ראטן וועלכע האבן פארשפרייט די בובאנישע מגיפה אין דעם דרייצענטן יאר-הונדערט (באקאנט אלס "דער שווארצער טויט").

---

**היסטאריע • אמעריקע**

# גירוש אמעריקע — תרכ"ב

דעצעמבער 1862: גענעראל גראנט'ס „פאראדענונג נומער 11“ טרייבט ארויס די אידן פון דריי שטאטן. אנפאנג יאנואר 1863 – פונקט מיט 164 יאר צוריק – איז די גזירה בטל געווארן.

פון **קאך_לעפל און מפיל קינד**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „גירוש אמעריקע - תרכ"ב לפ"ק“ • 20סטן–22סטן דעצעמבער 2021
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15007.html

---

**קאך_לעפל** • 20סטן דעצעמבער 2021

ס'איז אין יאר תרכ''ב – און אמעריקע איז צושפליטערט אין צווי - די אמעריקאנער בירגער קריג איז אין איר גרעסטער ברען - פון צפון שטייען די יוניאן שטאטן, און פון דרום שטייען די קאנפעדעראט שטאטן. די צוויי שטרייטענדע זייטן קעמפן ביטערליך צווישן זיך מיטן גרעסטן מאס פארביסנקייט, און קיין איין זייט האלט נישט ביים אראפלייגן דאס געווער. די קאנפעדעראט שטאטן ווילן נישט אויפגעבן זייער פלאנטאציע לעבנסשטייגער, און די יוניאן שטאטן האלטן זיך געטריי צום פרעזידענט אברהם לינקאלן, און זיי זענען אויסן צו ארויפצווינגען אויף די קאנפעדעראט שטאטן – פרייהייט און גלייכבארעכטיגקייט פאר אלע ראסן אייניג גלייך. ס'איז א קריג אויף לעבן און טויט, און ס'זעט זיך נישט אן אויפן האריזאנט אז ס'וועט זיך נאך אמאל ענדיגן.

דער קריג האט אבער נישט אפגעשטעלט די מאסיווע שמוגל אפעראציעס פון צפון און דרום און פארקערט. ערפארענע שמוגלער האבן געזען אין דעם ביטערן קריג א גאלד מינע. נעמליך, די פעלדער אין דרום זענען געליגן אנגעלייגט מיט בינטלעך וואטע, וועלכע האבן געזאלט געליפערט ווערן קיין צפון צו די ארטיגע קליידער פאבריקן. אבער די האנדל מיניסטעריום אין וואשינגטאן האט ארויסגעגעבן א פארבאט

צו ליפערן וואטע, רייז און טאבאקא פון די דרום שטאטן – זיי האבן געוואלט מיט דעם שריט גענצליך אפהאקן די פינאנצן פון דער קאנפעדעראט ארמיי. דאקעגן אין צפון איז געוועזן צו באקומען געווער און מוניציאן און מעדיצין, און אין די דרום שטאטן נישט. און דאס האט אריינגעשפילט אין די הענט פון שמוגלער ווי רייפע פרוכט. טאנען וואטע זענען געליפערט געווארן פון דרום קיין צפון אין אויסטויש פאר וואפן, און ווידער הויפנס וואפן און מעדיצין זענען געשמוגעלט געווארן קיין דרום אין אויסטויש פאר וואטע, און די שמוגלער האבן גאר שיין פארדינט...

עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז וואו מ'קען נאר מאכן א גרינגער טאלער, ווערן מיר אידלעך באלד פארמישט אינעם געשעפט, דאס איז דאך נאטורליך אזוי... און אזוי האט טאקע פאסירט אז געציילטע אידן, הויפטזעכליך פון די שטאטן מיסיסיפי, טענעסי, און קענטאקי, זענען געווארן העפטיג פארמישט אין די דאזיגע שמוגל אפעראציעס פון דרום צו צפון. דער יוניאן קאמנדיר אין יענעם ראיאן איז געוועזן נישט קיין צווייטער ווי דער בארימטער אמעריקאנער העלד, גענעראל יוליעס עס. גרענט. און ער איז געוועזן אנטשלאסן אפצושטעלן די דאזיגע שמוגלערייען פאר יעדע פרייז - האט ער צום באדויערן געטאן א שריט וועלכע ער האט שפעטער שטארק באוויינט. און אנשטאט ער זאל אפשטעלן בלויז די שמוגלער, איז ער געקומען צום אויספיר אז אלע אידן זענען שמוגלער, און ער האט נישט מער און נישט ווייניגער ארויסגעגעבן א גירוש דעקרעט, וועלכע האט געלויטעט אז אלע אידן פונעם גאנצן ראיאן, מענער, פרויען, און קליינע קינדער, דארפן ביז פיר און צוואנציג שטונדן פארלאזן דאס ארט, און זיך נישט צוריקקערן! אט לייענט דעם געמיינעם דעקרעט:

„אלגעמיינע פאראדענונגען נומ 11
הויפטקוואטיר, די דרייצענטע ארמיי קארפס.
אפטיילונג פון די טענעסיע, אקספארד, מיסיסיפי,
דעצעמבער 7, 1862

די אידן אלס א קלאס, פארלעצן יעדע האנדל רעגולאציע, אראפגעשטעלט דורך דעם פינאנץ מיניסטעריום, און אויך די באפעלן פון דער אפטיילונג. דערמיט זענען זיי ארויסגעווארפן פון דעם ראיאן אונטער די קאמאנדא. אין פיר און צוואנציג שטונדן פון דעם באפעל, וועלן סטאנציע קאמאנדירן זען צו דעם, אז אלע פון די דאזיגע קלאס פון מענטשן, זענען באווארנט מיט רייזע פעסער און וועלן זיין פארליכטעט צו פארלאזן דאס ראיאן, און אז איינער וועט זיך צוריקקערן נאך אזא אנזאג, וועט ארעסטירט ווערן, און געהאלטן ווערן אונטער וואך ביז ס'וועט אונטערקומען די געלעגנהייט אים צו דעפארטירן אלס א קריגס געפאנגענער, סיידן מיט אן ערלויבעניש פון הויפטקווארטיר. קיין ערלויבעניש וועט נישט געגעבן ווערן פאר די דאזיגע מענטשן צו באזוכן דעם הויפטקווארטיר פארן צוועק צו מאכן פערזענליכע אפליקאציעס פאר האנדל ערלויבענישן...
ביי דער פאראדענונג פון מעדזשער גענעראל יוליעס עס. גרענט.
זשאן עראן ראולינס"

ס'איז שווער צו גלייבן אז דאס האט ווירקליך פאסירט אין די פרייע אמעריקע.

אין דער ווירקליכקייט האט זיך דער גירוש נישט אינגאנצן אויסגעארבייט. דאס איז געווען צוליב דער שוואכער קאמיוניקאציע צווישן גענעראל גרענט און זיינע אפיצירן אין די מיליטערישע פארפאסטנס. דאס מיליטער האט זיך באנוצט מיטן טעלעגראף אנצוהאלטן פארבינדונג. און די קאנפעדעראט ארמיי האבן סוקסעספול באוויזן צו סאבאטאזשירן די טעלעגראף שטאנגען, און דאס האט אויף צייטווייליג פארקריפלט די מיליטערישע אפעראציעס פון דער יוניאן ארמיי אין יענעם ראיאן.

דעצעמבער 28' האבן זיך דרייסיג אידישע פאמיליעס פון דער שטאט פאדאוקא, אין קאנטאקי זיך צוזאם געפאקט די געפעק, אראפגעצויגן די לאדן אויף די געשעפטן וועלכע זיי גייען קיינמאל מער נישט זען, און אנגעהויבן צו צושפאנען צופוסנס אזוי מיט די קליינע קינדער, געגוי ווי זייערע ויידעס אין שפאניע יארן פריער... ביז זיי האבן דערגרייכט דעם אהייא ריווער. דארט ביים טייך האט מען זיי ארויפגעזעצט אויף א שיף, וואס האט זיי אפגעפירט צו אנדערע אמעריקאנע שטאטן אין צפון.

דאס גרעסטע רשעות איז נאך געווען, אז ס'האט זיך שפעטער גאר ארויסגעשטעלט – אז בלויז פיר אידן האבן אנטייל גענומען אין די שמוגלערייען! און אז די הויפט שמוגלער זענען גאר געווען די זעלנער פון דער יוניאן ארמיי זעלבסט... ס'ארא שאנדע.

סאזאר קאסקל, אן איינוואוינער פון פאדאוקא, האט נישט געקענט שטיין אזוי אין דער זייט, און צוזען מיט זיינע אויגן ווי אזא שוידערליכער פארברעכן ווערט דורכגעפירט אינמיטן העלן טאג. ער האט אפגעשיקט גאר א שארפער טעלעגראם צו פרעזידענט לינקאלן אין וואשינגטאן. אינעם טעלעגראם שרייבט ער:
„די גרעסטע פארלעצונג אויף דער קאנסטיטוציע און אונזערע רעכטן אלס גוטע בירגער אונטער איר... דאס וועט אונז מאכן פאר א געזעצלאזע פאלק אין די אויגן פון די

וועלט. מיר בעטן אייך פאר אייער אויפמערזאמקייט אויף דעם סקאנדאל אויף געזעץ און מענטשליכקייט....“

קאסקל האט זיך נישט באגענוגט בלויז מיטן שיקן א טעלעגראם, נאר ער האט איינגעשפאנט זיין פערד, און ער האט אפגריטן קיין וואשינגטאן. אפגעזען פון די שווערע געפארן וועלכע האבן דאן געלאקערט אויף די וועגן, ס'איז פארט געווען קריגס צייטן... יאנואר דריי איז ער אנגעקומען אויף וואשינגטאן, און ער באלד פארלאנגט אן אודיענץ ביי לינקאלן. לינקאלן האט אים אויפגענומען, און קאסקל האט אים געצייגט דעם שאנדפולן באפעל-עלף פון גענעראל גרענט. לינקלאן האט דאס נישט געוואלט גלייבן, ער האט ווירקליך נישט געקענט פארשטיין פארוואס גרענט באשטראפט א גאנצע קלאס פון מענטשן פאר דער זינד פון איינצלנע אין דעם קלאס. דער פרעזידענט איז געווען צו גראד דאס צו פארשטיין. ער האט אבער פארט פארדעכטיגט קאסקל, און האט נישט געקענט דארט אויפן ארט קאמיוניקירן מיט גענעראל גרענט אויפן פראנט, האט ער אפגעשריבן פאר גרענט דאס פאלגענד:
„א דעקרעט וואס זעט אויס אז ס'איז א מיליטערישער באפעל, נומער 11, וואס איר האט אנגעבליך ארויסגעגעבן דעצעמבער 17' און איך שיק דיר עס דא מיט. ס'איז פארגעשטעלט געווארן דא אין וואשינגטאן, וואס טרייבט ארויס אלע אידן פון דיין מיליטערישער ראיאן. אויב אזא דעקרעט איז ארויסגעגעבן געווארן, זאל עס שוין זיין אפגערופן...“

גענעראל גרענט האט געמוזט צוריקציען פון זיין רשעות'דיגער דעקרעט, און ס'איז געווען ליהודים היתה אורה...

**מפיל קינד** • 21סטן דעצעמבער 2021

דאס איז ריכטיג. די גאנצע גירוש איז געווען עפעס א מיספארשטענדעניש פון אינפארמאציע אז די אידן זענען שפיאנען פאר די קאנפעדערעיט, נישט קיין קאלטע אנטיסעמעטיזם אדער חשדות פון בלויז שמוגלעריי.

אין דעם ארטיקל פעלט אסאך פרטים. איינס פון זיי, דער וואס איז געלאפן קיין וואשינגטאן מיט'ן פערד איז געווען א אידישער אימיגראנט. ער האט געזוכט זיין מזל און זיך איינגערעדט ער גייט קענען רעדן צום פרעזידענט וואס איז נישט געווען קיין גרינגע זאך בשעת א מלחמה.

אנקומענדיג האט ער אנגעהויבן רעדן צום ערשטן מענטש וועם ער האט געטראפן, צו זיין מזל איז יענער פונקט געווען א קאנגרעסמאן וואס האט אים אויך אויסגעהערט. יענער האט רחמנות געהאט און אים ערלעדיגט אן אודיענץ ביים פרעזידענט. די מוסר השכל איז, אז מ'וויל עכט שטארק קען מען אנקומען (אדער יא אדער נישט...)

**קאר_לעפל** • 22סטן דעצעמבער 2021

אין יענע יארן האט ראביי יצחק מאיר וויס אנגעפירט מיט דער קאנסערוואטיווער אידישער געמיינדע אין טענעסי. ער האט זיך געטראפן מיט פרעזידענט לינקאלן אין וואשינגטאן, און זיך הערצליך באדאנקט פאר אים אין דעם נאמען פון אלע אידן, פארן אנולירן דאס גירוש דעקרעט פון גרענט. לינקאלן האט אים דאן קלאר געמאכט: איך בין געווען טאטאל שאקירט פון דעם דעקרעט, צו פארדאמען א גאנצע שיכט פון מענטשן, אזוי צו זאגן - צו באשולדיגן די גוטע מיט די שלעכטע. איך מאך נישט קיין שום אונטערשייד צווישן אידן אין זשענעטילן, און איך וועל נישט ערלויבן פאר קיין שום אמעריקאנער דאס צו טאן!

אין יאר 1868, ווען גרענט איז געלאפן פאר פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן, האבן זיינע פאליטישע קעגנער אויפגעברענגט די געשיכטע. די קאמפיין פון גרענט האט דאן פארעפענטליכט א פאליטישער קארטאן, ווי גרענט נעמט זיך אן פאר די אידן וועלכע ווערן פארפאלגט אינעם צארישן רוסלאנד, אבער די געשיכטע פונעם גירוש האט אים געפאטשט אין פנים. ראביי וויס האט אויך אנגעפירט מיט א מאסיווער קאמפיין אז די אידן זאלן נישט שטימען פאר גרענט, פארט האט דאס מערהייט פון די אידן אין אמעריקע יא געשטימט פאר אים, און דאס איז געווען ווייל די דעמאקראטן זענען דאן געווען שרעקליכע אנטיסעמיטן...

צי גרענט איז געווען אן אנטיסעמיט צי נישט? ס'זעט נישט אויס אזוי. זיין קאבינעט האט געהאט די מערסטע אידן - מער ווי אין אלע אנדערע פריערדיגע קאבינעטן.

[פארקירצט]

איבערלעבונגען

# א שידוך אין ליטע

דער פילאסאף שלמה מיימון (1753–1800) דערציילט אין זיינע זכרונות ווי אזוי מען האט אים, אן עלף־יעריג אינגל, פארשידכט – צוויי מאל. דער איבערזעצער האט עס איבערגעטייטשט אויף אידיש.

פון **שלמה מיימון • איבערגעזעצט פון ליטוואק פון בודאפעסט**

קאווע שטיבל • ספרים און ביכער • „תולדות שלמה מיימון - א פרק אין היסטוריא אויף אידיש“ • 8טן יוני 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10603.html

[פארקירצט] ער שילדערט זיין לעבן מיט אזא פשטות, מיט אזויפיל הומאר און פארשטאנד אז איך האב מחליט געווען צו פארטייטשן איין פרק אויף אידיש, אז מ'זאל קענען עפעס טועם זיין דערפון.

ס'איז געשריבן אויף גאר א לייכטע לשה"ק (געטייטשט פון דעם אריגינעלן אידיש - דויטש) און ס'גיבט א בליק אויף דעם לעבן אין יענער צייטן. איך האב נאך נישט גע'ענדיגט דער בוך, ס'דוכט זיך אז ס'שטייט דארט וויאזוי ער האט געטראפן תלמידי בעש"ט און געשמועסט מיט זיי.

דא האט איר מן העולה באמתחתי

אין צווישן האט זיך דער געלט צושטאנד פונ'ם פאטער שטארק פאר'ערגערט. איין טאג איז מיין טאטן געפארן צום גרויס שטאט נ. (נישוויז) זיך צו טרעפן ארבעט דארט אלס א מלמד, נעמענדיג מיר מיט אים. ס'איז אים דארט געלונגען און גאנץ שנעל האט זיך אים אויסגע'ארבעט צו עפענען א חדר אין יענעם שטאט, מיט גאר גוטע תנאים, און איך בין געווען זיין באהעלפער.

אין שטאט נ. איז געווען א פרוי אן אלמנה, די פארוואלטער פון א שענק, וואס האט געשמ'ט אלס גאר א קלוגע און א געלונגענע, ווי אויך א רעגעדיגע וואס האט זיך געשלאגן מיט יעדער איינער ווי קסטינפה די ווייב פון סאקראטעס. זי האט געהאט א טאכטער וואס האט אין איר שטארק איינגעראטן אין די אלע איבענדערמאנטע מעלות, און זי האט געהאלפן אין פירן דער ביזנעס. ווען מיין נאנמען איז באקאנט געווארן אין דעם לאנד, און מיין לויב איז אנגעקומען צו די אויערן פון ריסיא (דער נאמען פון דער אלמנה), האט זי אפגעמאכט ביי זיך צו געבן איר טאכטער פאר מיר אלס א פרוי, די איידעלע מיידעל שרה. אומזיסט האבן איר משפחה מיטגעלידער פראבירט איר אפצוניגן פון דעם רעיון, אומזיסט האבן זיי אויפגעוויזן און אויסגעשטעלט פאר זי מיין טאטע'ס שטאלץ און זעלבסט שעצונג וואס טרייבט אים צו פאדערן פאר מיינעטוועגן שווערע אומדערטרעגליכע תביעות, אומזיסט האבן זיי איר אויסגעלערנט אז מיין נאמען האט שוין געצויגן די אויגן פון די גרויסע און רייכער פון דער קהלה, אומזיסט האבן זיי קלאר אויפגעוויזן אז לויט איר מיטעלמעסיגע געלט צושטאנד מעג זי נישט שטרעבן צו הויכע פענסטער'ס און זוכן א טייערע חתן, א חתן וואס פאדערט אזא הויכע פרייז אזוי ווי מיר, אלס אומזיסט! זי האט באשטימט איר ווילן אויף מיר אלס אן איידעם פאר דער טאכטער, און פון דעם פלאן גייט זי זיך נישט רירן, וויפיל ס'וועט איר קאסטן!

די געראטענעם אלמנה איז ארויס צו איר ארבעט, און זי האט געשיקט שדכנים און חברים צו מיין טאטע, זי איז זאגאר אליינס געקומען צו מיין טאטע אים איבערצורעדן צו איר ווילן, צוזאגענדיג אויסצופילן אלע זיין פאדערונגען, אבער מיין טאטע האט זיך אלס אויסגעדרייט פון איר, און געבעטן צייט זיך איבערצורעכענען, פראבירענדיג אפצושטופן דער ענין פון טאג צו טאג.

והנה, דער סוף פונ'ם ערשטן זמן פון דעם חדר האט זיך דערנענטערט, און די צייט צוריק צו פארן צו אונזער שטוב איז אנגעקומען. מיין טאטע איז געגאנגען מיט מיר צום שענק פון דער אלמנה אפצווארטן די בעל עגלה וואס פארט צו אונזער שטאט, ווארום איר שטוב איז געשטאנען אויפ'ן עק שטאט און איז געווען די באשטימטע פארזאמעלונג ארט פון די בעלי עגלות. די גבירה ריסיא האט זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט אויסצופירן איר ווילן, און זי האט מיט מיר געשמועסט, געהאלדזט און געקושט,

און פארגעשטעלט פאר מיר איר טאכטער די כלה און מיר געפרעגט צי זי געפעלט מיר. דערנאך האט זי געשטופט מייט טאטע'ן צו ענטפערן א קלארע תשובה. מיין טאטע האט אבער ווייטער זיך אויסגעדרייט, און זיך אנגעשטרענגט איר צו ערקלערן ווי שווער איז די זאך פאר אים.

בשעת'ן זיך ארומטענה'ן און האנדלען, האט זיך פלוצלונג א גרויסע ציבור אריין געפלאצט אינ'ם צימער; דער רב, דער שטאט'ס מגיד, די הויפטן פון דער קהלה, און מיט זיי א גרויסע ציבור גע'ערטע קהל'ישע מיטגעלידער. נישט א נס האט זיי אריינגעפירט, קיין כישוף האט זיך נישט אויסגעפעלט פאר זייער זיך באוויזן פלוצלונג אין שטוב פונ'ם שענק, דער ענין איז לייכט פארשטענדליך. די גע'ערטע ציבור האבן זיך באטייליגט אין א סעודת ברית אין דער שטוב פון איינער וואס וואוינט אין יענעם גאס, און ווען ריסיא האט זיך דערוואוסט דערפון, האט זי זיך געאיילט און געשיקט איר זון צו רופן די פארזאמעלטע נאכ'ן ברית צו א תנאים אין איר שטוב. אזוי זענען זיי אלע אנגעקומען, אנגעלייגט פון דער סעודת ברית, אונטער'ן איינדרוק אז דיביידע זייטן האבן זיך שוין אפגעמאכט, און ס'פעלט נאר אויס אויסצושרייבן די תנאים. מ'האט זיך צוגעזעצט אזוי ווי דער מנהג, דער 'מחותן' מיין טאטע האבן זיי זיך געזעצט אין צווישן זיי, און דער רב האט באפוילן דער שמש אנצוהויבן שרייבן דער תנאים.

מיין טאטע האט זיך אבער ווייטער געשטעלט אויף זיינס, נישט לאזענדיג די כיטרע אלמנה אים אריינצושטופן אינ'ם לאך וואס זי האט פאר אים געגראבן. ער האט געשריגן אז אויף דעם גאנצן שידוך האט ער נאך נישט מסכים געווען, און זיכער נישט אויף די פרטי התנאים. דער מאדנע ערשטע טענה זיינער האט שטארק אויפגערעגט דער רב, טראכטענדיג אז מיין טאטע וויל אים צו שפאט לייגן, צוזאמען מיט די אלע גע'ערטע איינגעלאדענע. ער האט זיך אויסגעדרייט צו די פארזאמעלטע מיט א גאווה'דיגע לשון "ווער איז דער רבי יהושע וואס פירט זיך אויף מיט אזא התנשאות?". מיין טאטע האט אים גע'ענטפערט "דער רבי איז דא איבעריג, איך בין א פשוט'ע איד. איך מעג אבער זיך זארגן פאר מיין זון און אים אוועק שטעלן א צוקונפט אויף א ריכטיגע יסוד".

די ווערטער וואס מיין טאטע האט געזאגט "דער רבי איז דא איבעריג", האבן געהאט צוויי באדייטן און דער רב האט עס גוט פארשטאנען. צוביסלעך האט ער איינגעזען אז אין אזא נושא האט ער נישט קיין כח צו צווינגען מיין טאטע אנצונעמען זיין מיינונג. ער האט אויך פארשטאנען אז די נגידי'טע ריסיא האט זיך צוגע'איילט צו רופן די איינגעלאדענע צו א תנאים סעודה איידער די צוויי צדדים זענען אויסגעקומען. ער האט אויפגעהערט צו רעדן שטרענג צו מיין פאטער און מיט א ווייכע קול האט ער אנגעהויבן צו שילדערן צו מיין טאטע די גוט'ס וואס ס'ליגט אין דעם שידוך, די כלה איז א גרויסע מיוחסת, אפשטאמענדיג פון רבנים און גאונים, און אייגענע יחוס האט זי אויך, זייענדיג א פארזאמלונג פון אלע מעלות. צו דעם וועט דאך די מחותנת'טע ערפילן אלס וואס ער פארלאנגט.

די ווערטער האבן ווייך געמאכט מיין טאטענ'ס הארץ, און וויבאלד דער עצם שידוך איז נישט געווען קעגן זיין ווילן, האט ער מסכים געווען און מ'האט געשריבן תנאים. לויט די תנאים האט די מחותנת'טע ריסיא גדארפט געבן די שענק מיט איר געהאלט אלס א נדן פאר איר טאכטער. זי האט גדארפט אויסהאלטן די פאר'ל אויף איר טיש זעקס יאר נאכאנאנד, און אויך געבן זייער קליידערונג און אלס וואס זיי נויטן אין די יארן. צו דעם האט זי אויף זיך אונטערגענומען מיר צו געבן א מתנה פון א ש"ס מיט אלע מפרשים, וואס איר פרייז איז אנגעפער צוויי הונדערט שקלים. זי האט זיך אויך אונטערגענומען מיר צו געבן קליינע מתנות. צו דעם האט זי אויף זיך אונטערגענומען צו געבן מיין פאטער זעלבסט פופציג שקל במזומנים. אויף דעם לעצטן תנאי האט מיין טאטע זיך נישט באגנוגט מיט דברים שבכתב, ער האט געפאדערט די מחותנת'טע זאל איבערגעבן דאס געלד נאך איידער דער חתמנ'ן דער תנאים.

אזוי האט מען געשריבן א תנאים, און די פארזאמעלטע האבן זיך אנגעגעסן און אנגעטרונקען.

אויף מארגן איז מיין טאטע מיט מיר אהיים געפארן. די מחותנת'טע האט צוגעזאגט צו שיקן די קליינע מתנות וואס שנעלער, און די קליידער וואס זי האט אויף זיך אונטערגענומען און האט נישט געקענט אנגרייטן ווי עס דארף צו זיין באצייטענ'ס. וואכן זענען אבער אריבער, און די מתנות און קליידער זענען נישט אנגעקומען. מיין טאטע האט שוין געהאט א שלעכטער טעם אויף דעם גאנצן ענין, ווי אויך וואס ער האט שוין געקענט די נאטור פון דער מחותנת'טע און איר הארץ פול מיט שטיק, און ער האט געהאלטן אז די כיטרע פרוי זוכט שוין וועגן זיך אויסצודרייען פון האלטן אירע פליכטן וואס זענען צו שווער פאר איר אויסצופילן. ער האט מחליט געווען איר צו לערנען לעקיש צוריק געבן א טעם פון אירע מעדיצין.

אין צווישן האט פאסירט עפעס וואס האט אים פארלייכטערט אויסצופילן דעם פלאן. א רייכע ארענדע, וואס פלעגט שלאפן ביי אונז ווען ער פלעגט דורכפארן די שטאט מוהילנה אויפ'ן וועג צו נישוויז צו פארקויפן זיין בראנפין, האט אויפגעהויבן זיין אויגן אויף מיר און מחליט געווען מיר חתונה צו מאכן מיט זיין איין און איינציגסע טאכטער. ער האט געוואוסט אז מיין טאטע וועט נישט אזוי גרינג מסכים זיין ווען ער קומט אזוי גלייך מיט דער הצעה, האט ער זיך געקלוגט צו גייען א קרומען וועג צו באקומען זיין ציל. ער האט זיך געמאכט פאר מיין טאטענ'ס בעל חוב, וויסענדיג אז ביום הפרעון וועט מיין טאטע שוין נישט האבן פון וואו צו באצאלן, און אזוי וועט ער אים קענען צווינגען מיר חתונה מאכן מיט אים בתנאי ער איז מוחל דעם חוב. געטראכט און געטון, ער האט מציע געווען צו מיין טאטע'ן צו קויפן פון אים בראנפין אויף

קרעדיט, און ווען ר' הירש דוקר (דאס איז דער נאמען פון דעם ארענדע) איז געקומען איינמאנען זיין חוב, האט מיין טאטע געטענה'ט 'אין לי' און זיך געבעטן ביי אים ער זאל אים פארלענגערן די צייט. האט דער ארענדע געזאגט "הער זיך צו ר' יהושע, איך וויל רעדן אפן און ווער, איך ווייס אז אייער מצב גייט שווערער פון טאג צו טאג, און אן א נס וועסטו נאך קיינמאל נישט קענען צוריק געבן דאס געלט. איך וויל אייך פארשטעלן אן עצה וואס איז גוט פאר אונז ביידע; דער אויבישטער האט אייך געשאנקען מיט א זון, און מיר האט ער געגעבן אן איינציגסטע טאכטער וואס וועט נאך ירשנ'ען מיין גאנצע פארמעגן. לאמיר זיך משדך זיין צווישן זיך, און אחוץ דעם וואס איך וועל דערפאר מוחל זיין דעם גאנצן חוב, איך וועל אויך צוגעבן כפי אייער ווילן און איך וועל באופן כללי פראבירן אייך צו פארבעסערן דעם מצב כפי מיין מעגליכקייטן".

ווי גרויס איז געווען מיין טאטענ'ס פרייד צו הערן די דאזיגע רייד! פארשטייט זיך האט ער נישט מסרב געווען צו דעם ארענדע'ס הצעה, און ס'איז גלייך געשריבן געווארן תנאים. לויט די תנאים האט דער מחותן זיך אונטערגענומען צו געבן א נדן פאר זיין טאכטער און מיר צו געבן מתנות אזוי ווי מיין טאטע וועט באשטימען, און זיין פארמעגן וועט ער מיר מנחיל זיין נאך הונדרעט יאר. דער שטר חוב פון פופציג שקלים וואס ער האט געהאט אויף מיין טאטע'ן האט ער גלייך צוריסן, און צו דערצו האט ער אויך געגעבן מיין טאטע'ן פופציג שקלים במזומנים.

ויהי אחר הדברים האלה, נאך די רייד איז מיין נייעם מחותן געפארן קיין נישוויז אויף ביזנעס, און ווי פון טייוויל'ס פלאן איז אויסגעקומען אז ער איז איינגעשטאנען ביי מיין ערשטע'ן שוויגער. מיין שוויגער, וואס איז געווען א גרויסער פלוידערער, האט נישט פארשפעטיגט צו פארציילן וועגן דעם געוואלדיגן שידוך וואס איר איז געלונגען פון הימעל אריינצונעמען אין שטוב. "דער טאטע פון דעם חתן", זאגט די מחותנת'טע, "איז אויך א גרויסע למדן, אבער דער זון איז א באלויבטע עילוי, אן עלף יעריג ינגעל וואס האט נישט זיין גלייכן אין זיין יארגאנג".

"מיר אויך", האט דער ארענדע געזאגט, "האט דער אויבישטער געשאנקען א טייערע'ן חתן אין שטוב. געוויס האסטו געהערט פון דעם ריזיגן למדן ר' יהושע פון מוהילנה און זיין זון דער באלויבטע עילוי שלמה. דער שלמה איז איצט א חתן צו מיין טאכטע!"

די ווערטער זענען ארויס פון מויל פון ארענדע, און די שענקערין האט געשפרינגען פון איר פלאץ און געשריגן פון צארן "ליגענט רעדסטו! דער קינד שלמה איז א חתן מיט מיין טאכטער, נא דיר די כתב התנאים!". דער ארענדע האט אויך ארויסגענומען זיין כתב תנאים און געוויזן פאר דער אלמנה און זיי זענען ביידער געשטאנען ערשטיינט. צום סוף האט די אלמנה גערופן מיין טאטע צו דין תורה ער זאל פארציילן וואס איז דא פארגעקומען. מיין טאטע האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט פון איר און איר רופן צו ב"ד, טראץ דעם וואס זי האט צוויי מאל גערופן צו ב"ד.

נאך אביסל צייט איז מיין מאמע אוועק און מ'האט איר געפירט קיין נישוויז צו דער קבורה. מיין שוויגער די שענקערין איז געגאנגען צו ב"ד און פראבירט מיט הצלחה אפצושטעלן מיין מאמע'ס קבורה ביז ס'וועט זיך אויסארבעטן צווישן זיי. מיין טאטע איז געצוואונגען געווארן צו גייען אין דין תורה און ווי פארשטענדליך האט מיין טאטע פארלוירן אין ב"ד און איך בין א צווייטע מאל, עפ"י פסק ב"ד, א חתן געווארן מיט מיין ערשטע כלה. בכדי זיך צו פארשפארן נאך אזא מעשה, נישט וועלענדיג געבן מיין טאטע א תירוץ נאכאמאל טרעפן א שידוך פאר מיר, האט מיין שוויגער גלייך ערפילט אלע מיין טאטע'ס פאדערונגען. זי האט מיר באקליידערט מיט נייע קליידער פון קאפ ביז פיס, און זי האט געצאלט פאר מיין טאטע מיין שפעזן פון דעם טאג פונ'ם תנאים ביז צו מיין חתונה. נאכ'ן אויסארבעטן אלעס צווישן די צוויי צדדים, האט מען באגראבן מיין מאמען, און איך מיט מיין טאטע זענען צוריק געפארן קיין מוהילנה.

דערנאך איז מיין צווייטע שווער געקומען און געפאדערט אז מיין טאטע זאל אויספירן זיין תנאים. מיין טאטע האט אבער אויפגעוויזן אז די גאנצע תנאים איז געווען גארנישט מיט נישט, ס'איז דאך אלס א גרייז ווייל מ'האט דאך נאר געשריבן די צווייטע תנאים אונטער'ן איינדרוק אז מיין שוויגער האט זיך צוריק געצויגן פון דעם שידוך, און יעצט וואס ס'איז נישט אזוי, איז זעלבסט פארשטענדליך אז דער צווייטער שידוך איז בטל ומבוטל. דער ארענדע האט טאקע געדארפט מודה זיין אז מיין טאטע'ס רייד איז ריכטיג און ער האט געמאכט אן אנשטעל ווי איינער וואס בייגט זיין קאפ פאר'ן נויט און ער פראבירט זיך צו טרייסטן אויף זיין פארלוסט, אבער דאס איז נאר געווען אן אנשטעל, ווייל טיף אין הארצ'ן האט דער ארענדע זיך גענומען שפינען עצות און פלענער צו טון באיסור וואס ער האט נישט געקענט טון בהיתר. איין נאכט איז דער ארענדע (וואס איז איינגעשטאנען ביי אונז אין שטוב) ארויס פון בעט, און באפוילן שפאנען פערד און וואגן. ער איז מיר צוגעקומען שטילערהייט און מיר גענומען פון דעם טיש אויף וואס איך בין געשלאפן, אריינגעלייגט אינ'ם וואגן און געפארן מיט זיין בוטי' צום טויער פון שטאט. נאר טראץ זיין פארזיכטיגקייט און שנעלקייט, זענען אונזער שטוב מענטשן זיך אויפגעוועקט פון זייער שלאף פון דעם גערודער און די גניבה איז זיי שנעל באוואוסט געווארן, און זיי זענען נאכגעלאפן דער גנב און מיר געראטעוועט פון זיין הענט. ביי מיר איז די גאנצע געשיכטע געווען ווי א חלום, א נאכט וויזיע.

דער 'תנאי הטעות' איז געווען א גרויסע ישועה פאר מיין טאטע'ן, זיין חוב איז פארגעבן געווארן און מ'האט נאך צוגעגעבן פופציג שקלים פאר א מתנה. די גניבה האט אבער געשטופט מיין שוויגער זיך צו יאגן און געציילטע טעג נאך דער מורא'דיגער געשיכטע האט זי מיר גענומען צו איר שטוב מיר חתונה צו מאכן.

איך מוז מודה זיין אז מיין טאטע'ס מעשים קענען זיך נישט אויפשטעלן פאר די גרעזעצן פון עטיקע פליכטן, און נאר זיין ארימקייט איז אים א שטיקל תירוץ.

קולטור • קאווע

# פון די אמאליגע קאווע שטיבלעך ביז די היינטיגע

פון מעקא ביז לאנדאן און שוועדן: די קאווע־הייזער זענען געווען די פלעצער וואו מען האט גערעדט – און דערפאר האבן קעניגן און גייסטליכע זיי געוואלט פארמאכן.

פון **ברסלבער**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „פון די אמאליגע קאווע שטיבלעך ביז די היינטיגע“ • 2טן יאנואר 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5576.html

אונזער קאווע שטיבל טראגט דעם סלאגאן "א רואיג ווינקעל צו שמועסן און פארברענגען", און עס איז טאקע אזוי, א געשמאקע פלאץ וואו מען קען פארברענגען צווישן חברים מקשיבים, מען קען זיך רואיג אויסשמועסן וואס עס ליגט באמת אויפן הארץ, מען מוז נישט נאכטאנצן און נאכפויקן אלעס וואס יענער פארקויפט. אנדערש ווי די קאווע שטיבל אין ביהמ"ד וואו מען האט מורא ארויס צו זאגן א ווארט פארקערט ווי די אנגענומענע מיינונגען, אנדערש ווי אין אלע היימישע אויסגאבעס וואו מען קען בלויז ליינען וואס די גאס זאגט, קען מען אבער דא אין שטיבל ליינען און זאגן וואס די גאס האלט באמת, און וואס עס ליגט אויף דעם געוויסן פונעם עולם, אן דער מורא פון ווערן פארשריגן.

[פארקירצט]

## די היסטאריע פון קאווע שטיבלעך

עס איז אינטערעסאנט איבערצוגיין די היסטאריע פון קאווע שטיבלעך פון אמאל.

די ערשטע קאווע שטיבל אין דער וועלט האט זיך געעפנט מיט בערך 600 יאר צוריק אין דער שטאט אינסטאנבול אין טערקיי. איין קאווע געשעפט וואס האט פארקויפט קאווע האט אפגעמאכט אז ער וועט צולייגן אין געשעפט עטליכע טישן און בענק, אז מען זאל זיך קענען אראפזעצן און טרינקען א קאווע אויפן פלאץ. ער האט אבער נישט געוואוסט וואסערע איבערקערעניש דאס וועט נאך אנמאכן אויף דער וועלט, און ווי אזוי דאס גייט טוישן די היסטאריע.

גאנץ שנעל איז דער קאווע שטיבל געווארן א פלאץ וואס האט געצויגן מענטשן וואס זענען געקומען דארט פארברענגען און זיך אויסשמועסן רואיגערהייט איבער א גלעזל הייסע קאווע. אנשטאט די מעטשעטן (אראבישע קירכעס) וואס איז ביז דאן געווען דער עיקר פלאץ וואו מען פלעגט זיך צוזאם קומען, האבן דאס די קאווע שטיבלעך איבער גענומען, און מען פלעגט זיך דארט צונויף שמועסן, און לאו דוקא איבער צו חזר'ן וואס דער אימאם האט געזאגט, נאר טאקע צו שמועסן דעם אמת וואס איז זיי געליגן אויפן הארצן, מען האט געשמועסט פאליטיק וכדו', און דארט האט מען געקענט רעדן קעגן דער מלוכה אן קיין מורא.

די אראבישע גייסטליכע פירער האבן געזען אין די קאווע שטיבלעך א גרויסער שטער פאר זייערע אגענדעס, דארט האט מען די חוצפה צו שמועסן זאכן וואס מען וואלט קיינמאל נישט גערעדט אין מעטשעט, האבן זיי אויפגעהויבן א קול מחאה און זיי האבן פארבאטן די קאווע שטיבלעך און בכלל דאס טרינקען קאווע, מיט דער טענה אז דאס ענדלט שטארק צו דער וויין-שענק וואו מען קען צוקומען צו הוללות. דאס האט אנגעהאלטן עטליכע יאר ביז עס איז געקומען איין אימאם און גע'טענה'ט אז מען קען נישט פארבאטן א זאך וואס שטייט נישט אינעם קוראן מפורש לאיסור, און דאן האט זיך צוריק אנגעהויבן דאס טרינקען קאווע און די קאווע שטיבלעך.

## די פארבאט אויף קאווע שטיבלעך אין ענגלאנד

אומגעפער מיט א הונדערט יאר שפעטער האט דאס באנוץ פון קאווע אריבער געשפרייזט קיין אייראפע, עס האבן זיך אנגעהויבן עפענען קאווע שטיבלעך אין אייראפע. די ערשטע קאווע שטיבל אין לאנדאן-ענגלאנד האט זיך געעפנט 1652 דורך א איד מיטן

נאמען יעקב, און בליץ שנעל האט זיך עס אנגעהויבן צו פארשפרייטן, עס האבן זיך געעפנט אסאך קאווע שטיבלעך איינס נאך דעם אנדערן.

און אזוי ווי ביי די מוסלומענער, זענען אויך די קאווע שטיבלעך אין אייראפע געווארן א צוזאמקום פלאץ פאר די אלע וואס וואגן זיך צו טראכטן אינדרויסן פון באקס, דארט האט מען גערעדט און דעבאטירט זאכן וואס איז נישט געווען אין איינקלאנג מיט די אפיציעלע שיטות פונעם לאנד, מען האט זיך ערלויבט צו רעדן קעגן דער מלוכה, מען האט געשמועסט זאכן וואס מען האט נישט געקענט און נישט געטארט שמועסן אויף דער גאס.

דאס האט אנגעהויבן ציען מער און מער מענטשן. ווי געשמאק איז צו האבן א פלאץ וואו מען רואיג פארברענגען און ארויס זאגן וואס עס קוועטש באמת אויפן הארצן אן דער מורא פון ווערן פארשריגן דורך אנדערע, און דאס האט אנגעהויבן ברענגען א קאנטאר-רעאקציע.

אנגעהויבן האט זיך עס ביי די פרויען. די קאווע שטיבלעך זענען געווען נאר פאר די מענער, און אזוי ווי די מענער האבן געהאט א געשמאק צו פארברענגען אין קאווע שטיבל, האבן זיי צוליב דעם פארלוירן די אינטערעס אין זייערע פרויען, און דאס האט זייער שלעכט אויסגעקלאפט אויף זיי, זיי זענען געווען זייער ברוגז אויף די שטיבלעך, ביז זיי זענען ארויס געקומען אין יאר 1674 מיט אן עפענטליכן בריוו צום קעניג טשארלס דער צווייטער אז ער זאל גענצליך פארבאטן די קאווע שטיבלעך.

אינעם בריוו שרייבן זיי אז מען זאל פארבאטן די שטיבלעך ווייל די מענער פארלירן זייער אינטערעס אין די פרויען, און די מענער ווערן מער נאריש ווען זיי דרייען זיך דארט, זיי הייבן צו רעדן צו סאך, זיי הייבן אן רעדן אזוי ווי די פרויען...

און דאס האט לכאורה געגעבן די לעצטע שטופ פארן קעניג טאקע צו פארבאטן די קאווע שטיבלעך, ער איז שוין לאנג ברוגז געווען אויף די שטיבלעך, וואו מען האט פילאזאפירט און פאליטיקירט און גערעדט קעגן אים, און אין יאר 1675, א יאר נאך דעם בריוו פון די פרויען, איז דער קעניג ארויסגעקומען מיט א דעקלעראציע אז ער פארבאט גענצליך די קאווע שטיבלעך. פארשטייט זיך אז ער האט נישט געקענט אפן זאגן אז ער זארגט זיך פשוט פאר זיין אייגענע קאפ, האט ער געשריבן אז די שטיבלעך מאכן אז מענטשן זאלן פארברענגען די צייט מיט נארישקייטן, מען רעדט א גאנצן טאג שטותים והבלים, עס איז א פלאץ צו פארשפרייטן אלע לשון הרע'ס און רומערס, און דאס שטערט די רוהיגקייט פון דער מלוכה.

אבער אזוי ווי דער עולם איז שוין געווען אביסל אויפגעקלערט פון די קאווע שטיבלעך, האט מען זיך שוין נישט געלאזט פון אים, דער המון עם האט געפילט ווי מען נעמט זיי צו דעם לעצטן פלאץ וואו זיי קענען זיך אביסל אויסגעבן, עס האט אויסגעבראכן אזעלכע אומרוען, אז ביז 11 טאג האט דער קעניג געמוזט צוריקציען פון זיין גזירה, נאך איידער אפילו עס איז אריין אין קראפט.

למעשה האבן די קאווע שטיבלעך ווייטער געמאכט גרויסע מהפיכות. די אידילאגיע פון א פרייע דעמאקראטישע אמעריקע האט מען דארט דורך געשמועסט, א גרויס חלק פון די גרינט-פרינציפן פון די אמעריקאנע קאנסטיטוציע זענען דארט אויסגעשמועסט און אויסגעארבעט געווארן. בענזשאמין פרענקלען האט דארט אסאך פארברענגט און געשריבן דארט אסאך בריוו און ארטיקלען, וואס פון דעם איז צום סוף נשתלשל געווארן אונזער פרייע אמעריקע, וואס איז נאכגעפאלגט געווארן דורך אנדערע לענדער. מען האט זיך מער נישט געלאזט אונטערדרוקן, יעדער מעג זאגן זיינע מיינונגען אומגעשטערט.

## די שטודיע אין שוועדן

אין שוועדן האט יא אנגעהאלטן פאר לאנגע יארן א פארבאט אויף קאווע און קאווע שטיבלעך, דארט האט דער קעניג עס פארשלייערט אין אנדערע תירוצים, ער האט גע'טענה'ט אז עס איז פשוט נישט געזונט, און מען קען נישט צולאזן אז דער עולם זאל פאר'סמ'ט ווערן פון דעם שעדליכן קעהפין וואס ליגט אין די קאווע באנדלעך.

עס איז נאר אינטערעסאנט די שטודיע וואס ער האט געמאכט דערויף. ער האט גענומען צוויי מענטשן וואס זענען געזיצן אין תפיסה פאראורטיילט צום טויט, און ער האט געהייסן אז מען זאל זיי געבן צו טרינקען נאר איין סארט געטראנק עד יום מותם, פאר איינעם זאל מען געבן נאר קאווע צו טרינקען, און פארן צווייטן נאר טיי. און ער האט געשטעלט צוויי פון זיינע בעסטע דאקטורים אז זיי זאלן נאכקוקן די צוויי מענטשן און זען די רעזולטאטן.

די רעזולטאטן זענען געווען אז די צוויי דאקטורים זענען קודם געשטארבן.. דער קעניג איז גע'הרג'ט געווארן עטליכע יאר שפעטער.. און לאנגע יארן שפעטער איז דער ערשטער פון די ארעסטאנטן געשטארבן, דאס איז געווען דער וואס האט געטרינקען נאר טיי.. און דער קאווע טרינקער האט זוכה געווען צו לאנגע געזונטע יארן.. ער האט זיי אלע איבערגעלעבט...

## די אמת'ע סיבה

א גרויסער פילאסאף פון יענע יארן מיטן נאמען שארל מאנטעסקיו, וואס איז באקאנט אלס א גרויסער לוחם קעגן די מאנארכיעס, ער האט אסאך געקעמפט פאר דעמאקראטיע. ער האט גע'טענה'ט אז די סיבה פון די אלע השתדלות וואס די קעניגרייכן האט געמאכט צו פארבאטן קאווע קומט נאר ווייל קאווע מאכט קלוג, עס וועקט אויף דעם מענטש און מאכט אים אנהייבן טראכטן, און דאס איז א זאך פון וואס די קעניגן האבן

דאס מערסטע מורא. "ווען איך וואלט געווען קעניג" - האט ער זיך אויסגעדרוקט - "וואלט איך פארבאטן אפילו צו געבן איין שלינג קאווע", ענדערש זאל דער המון גיין אין די שענק-הייזער און זיך אנטרינקען מיט וויין און פארלירן דעם שכל, נאר אזוי וועלן די קעניגרייכן האבן א קיום. און בפשטות האט ער בעיקר געמיינט די קאווע שטיבלעך, וואס דארט איז געווען די פלאץ צו פארברענגען און בונטעווען קעגן די קעניגרייכן.

### צום שלוס

היסטאריע חזר'ט זיך איבער. איך וועל איבערלאזן פאר אייך צו ציען דעם פאראלעל פון די אמאליגע קאווע שטיבלעך און די התנגדות דערקעגן, צו אונזער היינטיגע ווירטועלע קאווע שטיבל. די ענליכקייטן זענען עפעס זייער אינטערעסאנט.

[פארקירצט]

אז נדברו יראי ה' איש את רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחשבי שמו. אין נדברו אלא לשון נחת. (מכות יא.)

---

הומאר

# א ציגעלע אינדערהיים אדער שניי אויפן גאס

די באבע האט געוואוינט מיט ציגעלעך און הינדעלעך אונטער איין דאך – און היינט ציטערט מען פאר א ביסל שניי.

פון **זאלצוואסער**

זאלצוואסער • זאלצוואסער • „א ציגעלע אינדערהיים אדער שניי אויפן גאס“ • 3טן יאנואר 2014
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/482.html

איך פלעג אלס פרעגן די באבע זאל זיין געזונט, וויאזוי האט מען אינדערהיים זיך געספראוועט מיט דער ווירטשאפט פון וואוינען צווישן די הינדאלעך מיט די ציגעלעך ווי בני בית. עס פלעגן אפילו זיין הונט און קעץ פאר זייער נאטורליכע אייגענשאפטן קעגן גנבים און מייז!און די קינדער זענען געוואקסן מיט זיי באנאזאם ווי גארנישט וואלט געווען.

די באבע פלעגט מסביר זיין אז מ'איז געווען געוואוינט אז אזוי באלאנגט עס, קינדער האבן נישט מורא געהאט ווייל באמת איז דאך נישטא וואס מורא צו האבן, און אזוי איז געווען משיח'ס צייטן אינדערהיים, איש וכבש יחדיו.

איך האב טעהאריש פארשטאנען וואס זי זאגט אבער איך האב נאך אלס געהאט ספיקות און נישט געוואלט משיג זיין וויאזוי זיי האבן זיך נישט געעקלט פון דעם מין בעל חי וועלכער גייט אומגעקליידעט שמוציג אן קיין בגדים און איז אוכל ועושה ווען עס שמעקט אים (און ווען דען נישט?).

אלנספאלס בין איך שוין געווארן עלטער אביסל און עס קומט מיר אויס צו זען א מין מאדנע פענאמענע ווען עס קומט צו אזא שיינע זאך ווי דער שניי!

יא! דער שניי דערמאנט מיך פון דער מעשה. פארוואס?

ווען איך בין קליין געווען האב איך אסאך שניי געזען, און מיט אסאך געשפילט, און געגליטשט לרוב. אבער דער שניי איז אלס געווען נאך א סארט וועטער, עס איז נאר געווען אינטערסאנט די ערשטע האלבע שעה ווילאנג ס'איז נישט שמוציג געווארן, דערנאך האט מען זיך געווייקט אין בלאטע מיט א שמייכל. ווען דער שניי האט זיך פארלאזט האט מען פארגעסן דערפון און געגאנגען ווייטער. אויף אזוי ווייט אז “די פאראיאריגער שניי” איז געווען א סימבאל פון א פארגעסענע זאך.

שטיי מיר יעצט אין א פרישן דור וואס נישט נאר מ'האט מורא פון ציגעלעך און קעלבעלעך נאר מ'ציטערט אימת מות פונעם שניי! מ'רעדט דערפון א גאנצע וואך בעפאר ער קומט אן, און א יאר צוויי נאכן פארלאזן זיך אין די אפלויפן סיסטעמען.

יעדער איז פארטון אין די בעסמאקעוועטע נייעס פונעם שניי! אבער אלמלא דאס אליינס החרשתי, וואס שטערט מיך די מערסטע איז די פחד און אנגסט ארום דעם שניי.

אוי געוואלד וויאזוי וועט מען גיין אין שול אריין? מענטשן קויפן עסן ווי עס קומט ווען א טארנעידא. מ'קוקט מיט מורא און מ'שפעקולירט אין דעם גרויסקייט פונעם שניי.

העי! מ'האט שוין געהערט אזוינס! וואס איז די בהלה? דער שניי קומט און גייט, און געגאנגען ווייטער.

יא איך ווייס אז איך בין דעמאלס קלענער געווען און געקוקט מיט א צווייטן בליק, אבער מיין טאטע און מיינע אנדערע באקאנטע וואס זענען יא עלטער געווען האבן קיינמאל פונעם שניי קיין עסק נישט געמאכט. מ'איז אויפגעשטאנען צופרי און געזען א שניי האט מען אויפגעוועקט די קינדער מיט איין שמחה אז היינט איז לעבעדיג עס שנייט! מ'האט אפיר גענומען די קליינע רויטע שאוולן און מ'האט געשאוולט.

איר פרעגט מיך? איך מיין אז אין 10 יאר ארום וועלן מיר שוין האבן שניי בונקערס (משיח זאל אודאי דא זיין פריער) ווי אונזערע געפיעשטע קינדערלעך און אייניקלעך וועלן זיך באהאלטן מיט ראדיא טראנסמיטערס און כלי' זיין על כל צרה שלא תבוא ווען א שניי קומט, און נאך א שניי וועט זיין סעודות הודאה אין די ארמארי זאלן מיט קאמפיין'ס פאר צעבראכענע אידן וואס האבן נעבעך דערשראקענערהייט געמוזט זיין אינדערהיים געשטראנדעט ווען דער שניי איז געקומען.

גיטס געלט פאר אן ארימע משפחה וואס האט א פיצעלע בונקער מיט 10 קינדער אין שטוב. וואו זאלן די ארימע גיין ביי א שניי?? אזוי וועלן זיין פלאקאטן ביי א וועטער טויש.

טאטעס וועלן פארציילן פאר די קינדער וויאזוי אמאליגע צייטן פלעגט מען זיך אנטון א מאנטל און גיין לאנגע שטרעקעס אינעם שניי. די קינדער וועלן עס הערן מיט אפענע גאפט און מיט פארשטייפטע שטערן'ס ווי ס'וואלט געווען מסירות נפש ממש.

מ'וועט פארציילן וויאזוי קינדע פלעגן זיך אן קיין שום זעלבסט ווירדע שפילן מיטן הייקאלן שניי און די נעזעלעך פלעגן פאררויטלט ווערן. און די אייניקלעך אונזערע וועלן נאך האבן קאשמארן ביינאכט חלומ'דיג פון רויטע נעזער!

צי ווייסט איר קינדערלעך וואס מיר האבן אלס דורכגעמאכט, ווען קיין פארקינג האט מען נישט געטראפן וועגן דעם שניי אנגעלייגעכץ? [פארקירצט]

טאטי וואס מיינט פארקינג???

אן אפקומעניש פאר זיך! איך וועל אייך נאך אמאל דערציילן באריכות. ס'נאך דעמאלס נישט געווען די אי-טשאפערס אויף יעדן דאך. אבער יעצט דארף שוין יעדער גיין שלאפן. א גוטע נאכט און אריין אין בעט! (וואס מיינט בעט? אקעי נישט יעצט...)

יא די דורות טראסקענען אן קיין שום פראפארץ. מענטשן שטארבן! לענדער הונגערן! פרנסות זענען שווער! און שניי איז די נייעס!

איר ווייסט אפשר דעם וועטער? אז נישט גייט ארויס און קוקט. איר קענט גאנץ שנעל אויסרעכענען צו ס'איז קאלט אדער ווארים ...

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

פיר קורצע שטיקלעך פון דער אלטער היים: א זיידע וועגן „חדש“, דאס אייז אויף דער מקוה, וואס הייסט „אינדערהיים“, און אלטע שפריכווערטער.

## וואס דער זיידע האט געזאגט

**אמונתחכמים:**

זייענדיג א שטארקער מסורה מענטש האב איך געפרעגט מיין זיידן וועגן דעם סלאוגן חדש אסור מן התורה. ער האט מער געזאגט אז אינדערהיים האט מען זיך בכלל נישט באנוצט מיט דעם, דאס איז א נייער ערפינודונג וואס איינער האט געטראפן בדברי חת"ס ז"ל און האט דאס צופויקט און די גאסן. יודן, זאגט מיין זיידע ווייטער, האבן אייביג געטוישט און צוגעלייגט נייע ענינים. אלע תקנות חז"ל וכדומה ביז דעם אויפקום פונעם אר"י ז"ל און דעם אויפשיין פון דעם אור שבעת הימים ר' יבש"ט זצוקללה"ה וואס זיי האבן דאך געטוישט לטובה דעם גאנצן לעבענס שטייגער פון אחינו בני ישראל. לעניות דעתי וואלט איך געזאגט אז "חדש אסור" איז אליינס א חדש וואס איז אסור מן התורה.

היידפארק • 29סטן מערץ 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1859197.html#p17729621

## ברעכן דאס אייז

**ענדע צדיק:**

גיין אין מקוה יעדן טאג איז א שטארקע איינגעפירטע מנהג אין אסאך חסידישע מקומות שוין פון אסאך פאר דעם קריג, אינדעהיים אין די מקומות ווי מ'איז געגאנגען איז נישט יעדער געגאנגען, ס'איז פשוט נישט געווען אין מציאות אז מ'זאל גיין אזויווי היינט, ס'איז נישט געווען קיין ווארימע מקוואת איבעראל, אבער חסידישע אידן (פון די מקומות ווי מ'איז געגאנגען) האבן שטארק מקפיד געווען צו גיין יעדן טאג, און מיין זיידע ז"ל פלעגט מיר פארציילן ווי ביי זיי אין שטעטל אין אונגארן פלעגן זיי צומאל גיין אין דעם קאלטן וואסער, און אסאך ווערט פארציילט וועגן חסיד'ישע אידן און גרויסע אידן וועלכע פלעגן ברעכן די אייז צו גיין אין מקוה.

קאווע שטיבל • 1טן יאנואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/827.html#p74326

## וואו איז „אינדערהיים“?

**סקאטמאלען:**

סענדער, ווען ער זאגט "אינדערהיים", מיינט ער אין יוראפ, נישט אינדערהיים אין בארא פארק.

היידפארק • 15טן דעצעמבער 2009
https://hydepark.sites.tab.bot/t/2733124.html#p25044950

# פון די אלטע שפריכווערטער

**פעדער:**

ווען עס ברענט אין כעלעם, איז אזוי פינצטער, אז מ'זעט נישט ווי צו לעשן
ארים ווי די נאכט
לאנג ווי דער גלות
מען לערנט נישט קיין אלטן בער טאנצן
א קראנקן פרעגט מען א געזונטן גיט מען
אן איינרעדעניש איז ערגער ווי אקרענק
א געשאסענער פייל שיסט מען נישט צוריק
שמידן די אייזן ווי לאנג ס'איז הייס
ווי א חתונה אן א מוזיק
אויפן גנב'ס קאפ ברענט דאס היטל
די באן פארט ווייטער

קאווע שטיבל • 25סטן יוני 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/948.html#p19944

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 4טן יאנואר, אין פריערדיגע יארן? צוויי מאל ווינטער: א מיטאס וועגן קעלט, און א שיך־בענדל אין שניי.

13
יאר צוריק
2014

## האט איר געוואוסט? פון קעלט ווערט מען נישט פארקילט

**רויטע וואנצעס** • קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • 4טן יאנואר 2014

דאס איז א מיטאס וואס לאזט זיך עפעס נישט אויסרייסן, אבער די פאקט איז אז ארויסגיין אן א מאנטל, אפי' נאסערהייט, וועט אייך נישט מאכן פארקילט, די קאלד - פונקט ווי די פלו - איז א ווירוס, און מען דארף ווערן אנגעשטעקט פון איר כדי צו ווערן פארקילט, אז נישט וועט אייך כל שלג דעלמא נישט העלפן, לייגט אייך שלאפן נאך א שאוער מיט די עירקאנדישן אויף היי און איר וועט אויפשטיין געזונט און פריש.

איי דער חוש איז דאך מעיד אז אין ווינטער ווערט מען מער פארקילט? דאס איז א תוצאה פון זייטיגע אומשטענדן וואס שאפן זיך אינעם ווינטער סעזאן, עס זענען דא אין דעם עטליכע טעאריעס, די הויפט ביאור איז ווייל אין ווינטער איז מען מער אינדערהיים און די פענסטער זענען פארמאכט, ממילא כאפט זיך די ווירוס שנעלער אריבער פון איינעם צום צווייטן [און לויט דעם איז גאר פארקערט, ווען מען וואלט זיך מער געדרייעט אויף דער גאס וואלט מען ווייניגער פארקילט געווארן...], נאך א טעאריע איז אז די ווירוס געפונט זיך באקוועמער אין טרוקענע לופט ווי אין דער פייכטער זומער לופט.

דר"א, ווען מען באקומט א קאלד ווערט מען דערנאך אימיונד צו דעם ספעציפישן קאלד, קיין סאך וועט עס אייך אבער נישט העלפן ווייל עס זענען דא איבער 200 מיטגלידער במשפחת הקאלד, און פארדעם מאכט מען נישט קיינע וואקסינען קעגן זיי.

עכ"פ איר קענט זיך משמח זיין אויף דער גאס כבגן עדן מקדם און גארנישט וועט אייך פאסירן.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3444.html

14
יאר צוריק
2013

# מיין שיך בענדל

**זאלצוואסער** • זאלצוואסער • זאלצוואסער • 4טן יאנואר 2013

איך קום אהיים מיט א שמייכל און איך באגריס מיינע קינדערלעך. איך פרוביר אראפצונעמען סיי וועלע אנגעצויגנקייט פון פנים, נישט צו באאומעטיגן די קליינווארג. נאך אלעם וואס ווייסן זיי דען? איך קום נאך א טאג אין דער ארבעט אבער זיי קומען נאך א טאג אין דער הייליגער לופט ארום געגומען מיט תורה ועבודה, קומט זיי מנוחה.

פרעגט איר אודאי פארוואס זאל איך יא זיין אנגעצויגן? נישט קיין גרויסע וויכטיגע ענינים נאר פשוט און גראד מיין שיך בענדל האט זיך פארקניפט און איך קען נישט לויז ווערן (איך מיין: לויז מאכן) און עס דערנערווירט מיך! ווארט איך שוין אנצוקומען אהיים און מיט קראפט אראפפליקן דעם פארקניפטן בענדל און לייגן א נייעם פרישן אויף איר פלאץ.

איך זעץ מיך אוועק און נעם אפיר א נייעם בענדל און הייב אן צו פליקן שטיקער אינעם אלטן און אזוי נעם איך מיך פלעכטן פון לעכל צו לעכל ביז דער נייער בענדל ליגט שוין באקוועם און דינט איר תפקיד!

איך הייב אויף די אויגן און עס אנטפלעקט זיך פאר מיר א בילד וואס האט מיך געברענגט למחשבה. איך זע מיינע קינדערלעך קוקן זיך אזוי צי צום עבודת הבענדל, און איך וואונדער זיך וואס איז אזוי אינטערסאנט מיט א שיך בענדל?

נאך א לענגערן קלער גיב איך א בליק אויף מיין בן'דל'ס שיך אוואו איינער זאגט: וואס קוקסטו אויף מיר? האסט דאך אויך שיך! ניין?

אבער ניין! הערשט דאן באמערק איך אז קינד און קייט גייט טאקע מיט שיך אבער "בענדלעך" מאן דכר שמי'? אלע האבן זיי באקל'ס און וועלקראו'ס און פטור אן עסק!

וואונדער איך זיך! וואו האלט מען אויף דער וועלט? ניטעמאל קיין שיך בענדל וועלן מיינע קינדער וויסן וויאזוי אנצובינדן? איך רעד נישט פון צזואם בינדן די ד' מינים אדער קניפן ציצית! איך רעד פון א פשוט'ן שיך בענדל! וואס דארפן די קינדער יא קענען?

עס איז א נייע וועלט! די צארטע קינדער קענען נאך ח"ו זיך איבערשטרענגען! עס וועט נאך קומען אמאל קלער איך וואס אנשטאט די אלט מאדישע קנעפלעך אויפן רעקל וועלן זיי האבן זיפלאק'ס אדער עלעקטעראנישע באטן'ס מיט טאטשסקרין טעכנעלאגיע ווי מיט א שמיר מיטן פינגער ווערט דאס רעקל באפעסטיגט!

עס וועט נאך אפשר קומען א צייט וואס זאקן וועט מען נישט דארפן אויסטון מ'וועט דאס אפשיילן און אוועקווארפן כדי נישט איבערצושטרענגען די באלמוטשעטע יונגווארג.

און דעם גארטל וועט מען נישט דארפן דרייען און בינדן עס וועט האבן א ווייערל וואס וועט עס האלטן באפעסטיגט מיט איין דריי! אדער גאר ווען מ'גייט אריבער דעם מקוה טוירנסטייל וועט דער גאלאפירנדער אייזן ארום דרייען דעם גארטל.

עס וועט זיין אן עסקעלעיטאר אריין אין בור און אן אנדערס ארויסצוגיין.

תפילין לייגן קענען דאך די צארטע קינדערלעך זיך טועה זיין און דרייען מער ווי זיבן מאל! וועט מען מאכן א טשיפ וואס וועט ציילן און אויסרופן: והוא – רחום – יכפר – עון וכו' דערנאך וועט עס אויסרופן מיט עקסטאז: יו העוו ריעטשד די מעקסימום טוירן'ס יו קען נאו פוט די של ראש... או"ו

בקיצור! לאמיך נישט דמיונען ס'נישט מיין סטייל. אבער יעדע משוגעת וואס אן ארטיסט אין קאוואטשהאזא טרעפט אויס וועט מען אימפארטירן צו פארגרינגערן אונזערע שעפעלעך. און נר מצוה וועט האקן א טאג און אונז אלע וועלן זיין די נע"ר מצוה.

עס איז צייט זיך אויפצוועקן און זען אז די הענטעלעך און פוסעלעך האט דער פון אויבן געשאנקען צום נוצן אין צוזאמענהאנג מיטן קעפעלע! נישט נאר צו מאכן עקסערסייז!

צוריק צו די שיך בענדלעך! און דרייט נישט קיין דאשיק!

https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/195.html

---

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם שמועס „שטאמען מיר נאר פון אידן?" (זעט „א שמועס פון דער וואך") האט „שמעקעדיג" געשריבן אז ער שטאמט פון באקאנטע גאונים וצדיקים, און אויב זיי זענען געווען כשר'ע אידן, איז ער אויך. „איחוד פעלד" האט געענטפערט:

> גם אני מצטרף. איך בין מן הסתם אקעי, די גאנצע דיון איז לגבי אנדערע.

**איחוד פעלד** • קאווע שטיבל • 4טן נאוועמבער 2012

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2278.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפט־ארטיקל** | „בוקאווינער פויערן: וויזניץ אינדערהיים“ · **שבת אחים און שמערל**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „בוקאווינער-וויזניצער פויערן אין רומעניע“ · 29סטן–30סטן יולי 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12475.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „שטאמען מיר נאר פון אידן?“ · **חאצקל, יאיר, איחוד פעלד און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · געזעלשאפט · אשכול „שטאמען מיר נאר פון אידן?“ · 3טן–6טן נאוועמבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2278.html |
| **וויסנשאפט • גענעטיק** | „פארוואס זענען אידן אזוי קלוג?“ · **יידל, איחוד פעלד, בן תמליון**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „פארוואס זענען אידן אזוי קלוג?“ · 11טן–13טן פעברואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2916.html |
| **היסטאריע • אמעריקע** | „גירוש אמעריקע – תרכ״ב“ · **קאך_לעפל און מפיל קינד**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „גירוש אמעריקע - תרכ''ב לפ''ק“ · 20סטן–22סטן דעצעמבער 2021<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15007.html |
| **איבערלעבונגען** | „א שידוך אין ליטע“ · **שלמה מיימון · איבערגעזעצט פון ליטוואק פון בודאפעסט**<br>קאווע שטיבל · ספרים און ביכער · אשכול „תולדות שלמה מיימון - א פרק אין היסטוריא אויף אידיש“ · 8טן יוני 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10603.html |
| **קולטור • קאווע** | „פון די אמאליגע קאווע שטיבלעך ביז די היינטיגע“ · **ברסלבער**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „פון די אמאליגע קאווע שטיבלעך ביז די היינטיגע“ · 2טן יאנואר 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5576.html |
| **הומאר** | „א ציגעלע אינדערהיים אדער שניי אויפן גאס“ · **זאלצוואסער**<br>זאלצוואסער · זאלצוואסער · אשכול „א ציגעלע אינדערהיים אדער שניי אויפן גאס“ · 3טן יאנואר 2014<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/482.html |
| **היינט מיט 13 יאר צוריק** | „האט איר געוואוסט? פון קעלט ווערט מען נישט פארקילט“ · **רויטע וואנצעס** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 4טן יאנואר 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3444.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „מיין שיך בענדל“ · **זאלצוואסער** · זאלצוואסער · זאלצוואסער · 4טן יאנואר 2013<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/195.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „וואס דער זיידע האט געזאגט“ · **אמונתחכמים** · היידפארק · 29סטן מערץ 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1859197.html#p17729621 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ברעכן דאס אייז“ · **ענדע צדיק** · קאווע שטיבל · 1טן יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/827.html#p74326 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „וואו איז „אינדערהיים“?“ · **סקאטמאלען** · היידפארק · 15טן דעצעמבער 2009<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/2733124.html#p25044950 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „פון די אלטע שפריכווערטער“ · **פעדער** · קאווע שטיבל · 25סטן יוני 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/948.html#p19944 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **איחוד פעלד** · קאווע שטיבל · 4טן נאוועמבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2278.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 7טן יאנואר – נומער 23, אויף פרשת וארא; מאנטאג, דעם 11טן יאנואר – נומער 24

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.